דיא

# גייסטער געשיכטען

דאש זיינען וואהרע געשיכטען פון גייסטער (שדים)·
פון מכשפים · פון פיערינגע צייטען וואש האבין פאסירט
דעם פערפאסער (מחבר) פון דיזע ערצייהלונגען זעלבסט·
אונ דער ביא ערקלערט דיא נאטירליכע אורזאכען
פון זיא · מאת אמ"ד

## ווילנא

שנת תרל"א לפ"ק

---

**ГЕЙСТЕРЪ ГЕШИХТЕНЪ,**

или

Разныхъ Предразсудкахъ·

---

ВИЛЬНА.
Въ типографіи Вдовы и братьевъ Роммъ.
1871.
На Жмудскомъ переулкѣ въ собственныхъ домахъ №№ 327 и 328.

Дозволено цензурою, 3 Декабря 1870 г. Вильна.



„איין עטוואש פון דיא שעדליכקייט דעם אבער גלויבענס„ °)

אין דעם ענין פון אמונה זאכין זיינען דא דרייא ערלייא קלאסין מענטשין · איינע קלאסע זיינען רעכטע גלויבינגע דאש הייסט זייא זיינען מאמין אין דיא עקרים פון זייער דת · למשל וויא מיר אידען זיינען מאמין אין דיא שלשה עשרה עקרים אונ ווערין אזו גירופין מאמינים באלהי אמת ובתורתו · אונ וואול איז יענעם דער וואש גיהערט צוא דיזער גליקליכע קלאסע · דיא אנדערע קלאסע זיינען אבער גלויבישע דאש הייסט זייא גלויבין אין אזעלכע ענינים וואש לא די זייא האבין גאר קיין שייכות צו אונזער תורה זיינען זייא נאך איר גאנץ דער ווידער · למשל וויא דאש גלויבין אין שדים · אין מתים · אין חלומות · אין בעלי מופתים · אין מכשפים · אין טאטערין · אין בעלי שמות · אונ אין סגולות וואש זיינען נגד השכל אונ דער ווידער דיא זיטליכקייט ·

דיזע

°) אויב וואול איין גרויסער טייל פון דיזער הקדמה קומט פאר שוין אין אונזער ספור פון דעם ליטוואק אין וואלינען · בייא אלעם דעם פינדען מיר עש נים פאר איבער פליסיג עש ווידער צו האלען דא (איבער האזערען) מיט מער פרישקייט · ערשטינס ווייל זיא איז פיל פאכענדער אהער אלם דארטין · צווייטינס נים אלע לעזין דאך אלע גישיכטען · אזו איז דאך זייער גיפאלט דאם דער לעזער פון דיזער גישיכטע האט נים גילעזין יענע אונ דיא הקדמה וואש אין איר אין דא דער ציל פון דער גישיכטע · איז דאך דער בייא דיא הויפט זאכע :

דיזע קלאסע מענטשין גלויבין שוין מער וויא אין גאט אליין אונ זייגען זייער ליבט פאר פירט צו ווערין דורך אייגען בעטריגער צו דיא גרעסטע זינדען אין דער וועלט וויא למשל דיא שבתי צביניקעס דורך דעם שבתי צבי וואס וואר באמת איין בעטראגינר בעטריגער · אונ האבין איז עובר גיוועזען אויף אלע מצות פון דער תורה · אונ אויף דיא סענטימענטאליטעטן · אויך זיינען דיזע מענטשין אימער אין שרעק אונ אין אנגסט · ווייל דער עבטער צו טרויען צו גאט פעלט ביי זייא אונ מען ציטערט פאר יעדען ביזין סימן וואס זייא האלטין פון אים · אזו ווערין זייא למשל אבהענדיג אלס זייא באגעגינען איין ליידיגין עמער · אדער ווען איין פוקס לויפט זייא איבער דעם וועג · אדער ווען זייא דער וויסין שליסעליך אויף דעם טיש · אונ ווען דיא יום כפור ליכט לעסט זיך אויש · צו דער דריטע קלאסע גיהערין אזעלכע מענטשין וואס גלויבין ניט אין קיין זאך זעלבסט ניט אין דעם בורא ברוך הוא · זייא מיינען דאש דיא וועלט איז אקדמון אונ ווערט רעגירט פון זיך אליין דורך אלטע נאטור גיזעצען · צו דער קלאסע ווינץ איך ניט דאש עס זאל גיהערין זעלבסט מיין גרעסטער שונא · דען אזו אסארט מענטשין פאר לעבין איין וויסטעס לעבין · אן פריידין אונ אן האפענונג · אונ מאנכע מאל ליידין זייא זייער שטארק פון זייער גיוויסין אלס ער ניכטערט זיך אויש מאנכע מאל דורך מופתים חותכים (קלארע בעווייזע) אז עס איז גאר אהפך וויא זייא דיינקען · אונ אירין אזו אום אין זייער גאנצין לעבין וויא איין שיף אן אקאמפאס אויף איינעם שטורעם בעוועגטין מעער ·

נון וואר שוין איין מאל גיפרעגט ביי דעם גע־טליכען פילאזאף ר' נחמן כהן קראכמאל וועלכע פון דיא ביידע לעצטע קלאסין איז דיא גיפערליכסטע אונ דיא שליכסטע אזו פאר זיך אונ אזו אויך פאר דעם גאנצין כלל מענטשין · האט ער גיענטפערט דארויף מיט דיזעם לשון (״ערך ההבדל בינותם כערך ההבדל שבין חולי הסרטן לחולי הבערה אוכלת ? מי האיש החפץ חיים

יבקש



יבקש המלט משתיהן.) דאש הייסט זוא דער אונטערשייד צווישין דיזע ביידע קלאסין איז וויא דער אונטערשייד צווישין איינער קרעבס קראנקהייט (ראק) אונ צווישין איינער היץ קראנקהייט · אונ דער וואס נור ליבט זיין לעבין זאל זיך זעהען צו רעטין פון ביידין :

נון איז עס צוואר זייער גוט גיזאגט · דאך ביי איינער גיוויסערין באטראכטונג לאזט זיך זייער לייכט איין זעהען דאש דיא אבער גלויבישע קלאסע איז פיל שעדליכער פאר דיא מענטשהייט (דאש הייסט פאר דעם כלל מין אנושי) אלס דיא אונגלויביגע קלאסע · ווייל וויא ווייט מיר ווייסין האבין דיא אונגלויביגע ניט גיצוואונגען מיט פייער אונ שווערד איינעם אנדערין · דאש ער זאל דייגקען וויא זייא אין אמונה זאגין · וויא עס האבין גיטאן דיא אבער גלויבישע שפאניער אונ וויא זייא האלטין נאך טאן עד היום ווען זייא וואלטין האבין בכח · נאך האבין אבער דיא פרייע דייגקער ניטאנדען גיברענט אויף איינעם שייטער הויפין וויא דיא אבער גלויבישע שפאניער האבין פאר ברענט הונדערט טויזענדע מענטשין פאר וואש זייא זיינען ניט קאטוילייש · אונ אויך ניט וויא דיא גוויזען וואש האבין אין פראנקרייך אויש גימארדעט אין דער בלוטיגע הויכצייט נאכט הונדערט טויזענדע מענטשין נור ווייל זייא זייגען גיוואוין קאלווינער :

אויך גיפינען מיר ניט אין אונזער תורה אזו פיל דייטליכע עונשים פאר דיא אונגלויביגע וויא פאר דיא אבער גלויבישע · למשל וויא מען זאל באשטראפין איין עיר הנדחת דאש הייסט איין שטאט וואש דינט עבודה זרה · אונ וויא מען זאל באשטראפין איינע מכשפה · אונ דיזעם איז פאר גיוויש ווייל זייא זיינען ניט אזו שעדליך וויא יענע פאר דיא מענטשליכע גיזעלשאפט אונ ווידער ווייל זייא זייגען זייער זעלטין אונ מאבין קיינע סעקטין · אויב וואול על פי דין דארפין זייא אויך אזו גוט באשטראפט

ווערין

דערין וויא יענע דאך שטייט עש ניט ארויש אזו דייטליך דער עונש פון דיא וויא פון דיא אבער גלויבישע» :

דאהער פינדע איך עס פון גרויש נוצין צו מאכין דעם המון עם אין עטוואש אויף מערקזאם איבער דיזען מין הבלים מיט מיין אויף וויידין ריכטיגע גישיכטען וואש איין טייל, פון זייא האט מיך זעלבשט גיטראפין · וויא אונריכטיג אונ ניכטיג עש זייגען אלע אבער גלויבישע וואונדער · אונ וויא דאש ערציילונגען פון חלומות · פון מתים · פון שדים · פון צויבעריי · פון בעלי שמות · פון בעלי מופתים זייגען נור ליגן אונ טרוג · אדער זייא ווערין ערציילט נור פון אונוויסענדע מענטשין וואש ווייסין גאר ניט פון נאטירליכקייט אונ גיבין איבער זייערע דמיונות פאר ריינע וואהרהייטין אונ שיכטערין דער מיט איין (שרעקין איין) אלע לייכטגלויביגע וואש זייגען פון שוואכען נערוען :

## 2.

### «דיא פארפעל»

אלס איך וואר נאך ביא מיינע שוויגער עלטערין אויף קעסט אין דער שטאט הרס · איז דארטין גישעהען איין גישיכטע מיט פארפיל וואש זיא האט גיקענט פאר פירען דיא דארטיגע גימיינדע צו דעם גלויבין דאש עש זייגען דא אזעלכע נשמות וואש ווערין מגולגל אין טייג ווען איך וואלט ניט ענדעקט באלד דיא וואהרע סבה דער פון :

אין דעם ערשטין טאג שבועות אין דער פריא נאך ותיקין דאבנען אלס איך וואר באשעפטיגט מיין טלית צו זאמען צו לייגין איז אריין גילאפין צו מיר דארטין אין קלייזיל דער שמש שוהם בלייך וויא איין טוך פון שרעק אונ האט צו מיר גיזאגט עש גייט ביא מיר אין שטוב צו ניט גיהעריג איצונד : דיא פארפיל וואש מיינע פרויא האט גימאכט ביא נאכט אום צו פאר קאכין היינט

אין



אין זיך קריכין אום איינער איבער דיא אנדערע וויא לעבעדיגע · דאש עש נעמט אונז אן אגרויל צו זעהען ! גיוויס איז איין דבוק אריין (איין גלגול) אין זייא : דען עש שטייט אין ספרים דאש עש איז אין דער העלם ניט דא קיין זאמד קארין אזו גאר וואש זאל ניט זיין איין גישלאסין אין אים איין רוח ; אונ פשיטא שוין אין פירות אונ אין אלער האנד מאכלים · דאמיט זייא זאלין באלד מתוקן ווערין (לויז ווערין) דורך דיא ברכה וואש מען [illegible] מאכין איבער זייא · · עש זייגען צו זאמען גילאפין איינע מיינע מענטשין צו מיר אין שטוב אונ קענען זיך ניט גינוג אפ וואונדערין דאריבער אז בין איך גיקומען דיך בעטין דאש דוא זאלסט עש אויך זעהען · דאמיט דוא זאלסט ווייטער ניט לאכין אונ שפאטין איבער אזעלכע זאכין וואש זייגען העכער איבער דעם מענטשינש שכל ·

איך האב מיך ניט גילאזט בעטין אונ בין אריין צו אים אין שטוב : עש האבין אלע דארטין גיקוקט אויף מיך מיט איינעם פאר אבטעטין לאכין · דען איך וואר זייא דארטין אין זייער פינסטערע קהילה וויא איין דארין אין, אויג ווייל איך פלעג מיך אימער לוסטיג מאכין איבער זייער אבער גלויבין · דער צו נאך ווארין זייא פאר טראגין מיט חסידות ; דען עש ווארין אין איר צעהען ערלייא כתות · וואש זייגען איינעם דעם אנדערין גרויסע שונאים · אונ ווארין נור פאר איינינגט אין דיזעם פונקט צו האסין אונ פאר אכטין דיא צווייא דרייא יונגע לייט וואש זייגען נאך גיבליבין ביא איינעם ניכטערין פאר שטאנד וואש איך וואר איינער פון זייא · נון האבין זייא גימיינט דאש זייא האבין מיך שוין אין ארביל אונ וועלין מיך דא שוין מנצח זיין דאש איך וועל מוזין ווערין אחסיד מען האט מיך באלד דער לאנגט דעם טעלער מיט דיא פארפיל אונ בין גיווארין ווירקליך אויסער זיך אלס איך האב דער זעהען וויא דיא פארפיל קריכין איינער איבער דעם אנדערין וויא לעבעדיגע ווערעמס · דאך האב איך עש פאר קיין פאך אן גינומען פאר אגלגול · אונ האב אן גיהייבין צו זוכין איינע

נאטירליכע

אשירליכע סבה דער צו · מיין ערסטער גידאנקען וואר דאש עש מוזין פאר גיווים דארטין צו ווישין זייא זיין פרייליך אדער מראסקעם · אונ האב עש איבער גישאטין אין איינעם אנדערין טעלער · אונ עש וואר ניט איינע דער פון צו זעהען נון האב איך גינומען איין קליין הייפלען דער פון אונ האב עש ארויף גישאטין אויף ארייגעם פענסטער אונ דיא פארפיל האבין דארטין גימאכט דעם זעלבינין שפיטאקיל וויא אין טעלער מיט נאך מער פרישקייט · קורץ דער פון איך האב גינומען איין פארפיל אונ האב אים גילייגט באזונדער אויף דעם פענסטער אונ דיזער האט אויך ניט גירוט · אונ האט זיך באוועקט וויא איין שטיקיל הערצעלע פון איינעם לעבידיגין גימאכטין שלייען · אונ האט זיך דער נאך אום גיקולעט · אונ אלס איך האב אן גיהייבין נאך צו פרעגין אויף וואש וואורין דיא פארפיל פאר קנאטין · האט זיך דיזער וואונדער זייער לייכט ערקלערט · אויף איינער נאטירליכין ארט אונ ווייזע · דען עש האט זיך דאקאזעט · דאש דיא זאפרען אויף וועלכע דיא פארפיל וואורין פאר קנאטין וואר אויף געלעזט (צו פירט) אין אבוטעלקע וואש דארטין וואר הוויזין · נון האבין זייא דער פון זייער שטארק געגארען (געאירט) אונ האבין אזו איינעם דעם אנדערין געדריקט אונ געדריינקט · אונ יעדערע באזונדערע האבין זיך בעוועגט וויא לעבעדיגע וועזענס אונ די אלע בעוואונדערער אונ גלגול גלויביגער האבין אפ גיצויגין פון דארטין מיט איינער לאנגין נאזע דאש הייסט מיט שאנדע · אונ אום איבער צו צייגין זייא דאש נור דיזעם וואר דיא רעכטע סבה האב איך גילאזט מאכין אפראבע דער פון צו הוזי מיט אשטארקערע דאזעם (פארציאן) הויזין : אונ עס האט אזו ווייט געלונגען (געגליגט) דאש מיר האבין אונז קוים זיך גיקענט פון לאכין איין האלטין ·

---



## 3.

### „דער גיהיימער סאלדאטין מארש"

איין געוויסער גראף האט אין מיינער גיבורטס שטאט אפ גישאטין זעקס הונדערט טון ווייץ אום וויאסנע צייט אין איינעם צווייא אטאוויקין גימויערטין שפייכלער · דיזין פעקיל ווייץ האבין אב גיקויפט ביי דיזעם גראף פיר סוחרים וואש איינער פון זייא וואר מיין זעליגער פאטער אונ דיא איבעריגע וואורין מיר אויך זייער גוט · אונ דאהער אום צו פאר שפארין דיא קאסטין פון דעם אויש מעסטין אונ אפ פירין יעדערין זיין טייל אין זיינעם איינגענעם שפייכלער · האבין זייא איבער גיגעבין דעם שפייכלער מיט דיא ווייץ אין מיינע הענט דאש איך זאל יעדערין שותף ארויש געבין ביסלעכווייז ווען ער וועט ברויכין אונ וויפיל ער וועט ברויכין פאר זיינע טעלער אונ זאל עש פאר שרייבין אויף זייערע רעכענונג · דיזע פארוצענע אבער האט מיך שוין דארטין באשעפטיגט דעם גאנצין טאג אונ אויך אשטיק ביי נאכט · ווייל דיא טעלער דיא סאבערעם פון דיא סוחרים פלעגין צו קומען מיט זייערע פורין ניט אין באשטימטע צייטין : אזו האב איך מיר איין גיארדענט דארטין איין טישעל מיט איין שטול אונ טינט אונ פעדער אונ אויך אפאליצקע אויף ספרים · דען איך האב גיהאט גינוג צייט בין גברא לגברא (דאש הייסט צווישין איין סאבער אונ דער אנדערין) צו לערנען צו לעזין אונ איך האב אזו צו גיבראכט דארטין בערך אוואך צעהען · נון האט זיך גימאכט דאש איין מאל אין דער פריא אלס איך בין מיר גיזעסין אונ גילערינט האב איך דער הערט וויא מען צייט אום מארש אויף דעם צווייטין שטאק (גארין) וואש דארטין וואר שוין דיא ווייץ כמעט אין גאנצין אויש גימאסטין אונ עש וואר דארטין דיא ווייץ איבער דער פאדלאגע קוים : איין האלבעס איל אדער איין עשוואס נאך , ווייניגער דיא הייך :

דיזער

דיזער מארש וואר טאקטמעסיג וויא עש וואלטין אמאן פונפציג* סאלדאטין מאשירט דארטין · קוים האב איך עש דער הערט האב איך גיכאפט דעם שליסיל אונ בין ארויף אויבין גאר אן שום שרעק אונ איך שליס אויף דיא טיר פון דעם אויבערשטין שפייכלער אונ האב איר האסטיג אויף גימאכט : איך האב אבער דארטין גאר ניט דער וויסט וועלבסט קיין שפור (סלאד) פון איין טריט נור אשאשק האב איך גיהערט אגיוואלטיקין · דאן איז מיר גיווארין שוין אונהיימליך · דען דאש וואר שוין איבער מיין פאר שטאנד · דער ביא איז מיר ארויף גיקומען מאנכע נארישע גידאנקען אויף מיינעם מוח · ערסטינס וואר דארטין אין הויף פוסטע קעלערין וואס זיינען גישטאנען עפעס ניט אין אהיימליכין רוף, · גיזוים האבין זיך דארטין אויף גיהאלטין גנבים אונ פארלע פרויען · צווייטינס וואר דער הויף אין גאנצין עפעס איין מין חורבה גאנץ אונבעוואונט מער ניט פון אשיכערין שטראז · דריטענס וואר עש מער אונטערין שטאט אלס אין שטאט · דער ביא וואר איך נאך דאן גאנץ יונג אונ אלע געשפענסטער גישיכטען (מעשים פון שדים) וואש איך האב זיך אן גיהערט אין מיינע חדרים וועלבסט פון מיינע רביאים ווארין נאך גאנץ פריש אין מיינעם גידעכטעס · אונ צום אונגליק איז אין דיזער צייט ניט איינער פון דיא סאבערעס גיקומען נאך וואייץ · דאך אלס איך בין אריין אין דעם אונטערשטין שפייכלער אונ האב מיך גיזעצט לערנען : האט מיך דיא שרעקין אפ גילאזין דען איך האב מיך וועלבסט איין גירעט דאש עש האט זיך מיר דאש מער ניט וויא גידוכט אונ בין זיך גיווארין ווידער מונטער · דאך דיזע פריילינכע שטימונג מיינע וואר ניט פון לאנג דויער · דען באלד האב איך ווידער דער הערט וויא מען מאשירט אויבין זייער שטארק אזו וויא איין שקארין מארש · אונ וויא יעדער מארשירער וואלט גיזעצט מיט טאקטיק מיט דעם קנאפעל פון זיין שטיוועל · אונ ביא יעדען מאל שטארקער אונ מערער אזו וויא דיא מארשירער

וואלטי



וואלטין זיך פאר מערין פון מינוט צום מינוט · אונ ביא אלעם דעם בין איך ווידער ארויף אויף דעם גאניק פון דעם צווייטין שטאק (אטאז) אונ האב מיך גימאכט גינוג סוטה אונ האב אויף גישלאסין דיא טיר אונ גיעפינט : עש וואר אבער גאר ניט צו זעהען : אונ האב אזו וויא פריער גיהערט דעם וועלבינין שאשק מיט מער פרישקייט · אונ איך בין ווידער אראפ אונטין זייער פר קימערט אונ וואלט דאן גיוואטין אום מיינע זעליקייט (עולם הבא) דאס דא שפוקין נור דיא גייסטער · אונ אזו האט מיך דיזע גישיכטע באונרוהיגט מער אלס צוויא שטונדין אין וועלכע איך האב מער אלס צעהען מאל באשטיגין דעם צווייטין (שטאק) אונ אלץ אן איינעם ערפאלג (פעולה טובה) אם ענדע איז ביא מיר גיבליבין דאש איך זאל דיא טיר פון דעם אויבערשטין שפייכלער ניט צו שליסין אונ איך זאל בלייבין שטיין לעבין איר אויף דעם גאניק · אונ וויא איך וועל נור הערין דיזער צויבער מארש זאל איך פלוצליך אויף מאכין · איך האב עס גיטאן אונ בין דורך דעם ניט ווייטער גיקומען וויא פריער · איך האב ביא דעם עפענען גיהערט מער ניט וויא דעם שאשק אונ גיזעהען אבער גאר גיסט :

לסוף האב איך מיך מישב גיוועזן דאש איך זאל דיא טיר גאר ניט עפענען · איך זאל נור אקוק טאן דורך דעם לעכיל פון שליסיל · דאך האט עש גידויערט איין היפשע צייט ביז איך האב ביא מיר גיפויעלט דאש איך זאל עשווירקליך טאן · דען איך וואר ביא זיך זייער באזארגט דער ווייסט וואש איך וועל דארטין דער זעהען אונ פיליכט קען עש מיר שאדין צו מיינער גיזונדהייט · ביא אלעם דעם אבער איז דער שרעק ביא מיר פאר שוואונדין וועגין מיינע גרויסע בייזע גירדע צו וויסין וואש קען עש זיין · אונ האב אלזו וויא איך האב נור דער הערט דעם צויבער מארש האב איך שוין אריין גיקוקט דורך דעם שליסיל לאך אונ האב דער זעהען אזו איין זאך וואש עש האט מיך זייער פאר דראסין פאר וואש האב איך עש ניט אן גימערקט מיט פינף וואכין צוריק · איך

האב

האב דער זעהען כמה הונדערט קראעס שטייען אונ פיקן דיא ווייץ · אונ וויל די ווייץ וואש אבער דער פארלאגע וואר שון זייער דין האט זיך זייער שטארק א גיהויבין צו הערין דיא קלעפ פון זייערע שטארקע שנאבלען אן דער גיטאפילטע פוסטע פארלאגע דאש עש האט נאטירליך אפ גיקלונגען וויא אין זאלדאטין מארש · אונ וויא איך האב נור אויף גיעפינט דיא טיר זיינען זייא אלע גיפלויגין זייער שנעל דורך דעם זעלביגין ארט דורך וועלכין זייא זיינען אריין גיפלויגין · אונ דאש וואר דיא פינף פענסטערלאך וואש ווארין פאר זארגט נור מיט שיטערע הילצערנע גראטעס · אונ דיזע אלע פינף פענסטער ווארין גיווענדעט אין איין גארטן :

נון פאר שטייט זיך דאש דיזע בעסטייעס האבין אן גימאכט איין גרויסין שאדין אין כמה טון · נון אזעלכע מיישוגגען (זעלבסט בעטרוג) האט שון גינוג אין דער וועלט גיגעבין · אונ גאנצע ווערק (חבורים) דער פון גימאכט מיט שרעקליכע ספורים וואש באפעסטיגען נור דעם אבער גלויבען אונ ווייטער ניכטס · אונ דיזער פאל האט גיקענט זיין אויך ביי דיזער גילעגנהייט ווען איך וואלט מיך ניכט אדוואזעם אזו ווייט צו דער גיין דיא וואהרע אורזאכע דער פון :

## 4.

### דער צויבער אהגעל אום פורים.

אלס איך וואר נאך איין גאנץ יונגער מאן וואר איך אין איינעם פורים טאג זייער שטארק באשעפטיגט אין מיין פאטערס שפייכלר פון נאך דעם דאבנען ביז מעריב צייט · אונ בין גיקומען אהיים דאש הייסט אין מיינער עלטערנס הויז זייער פאר פרארין אונ פאר הונגערט · אונ האב דארטין דר וויסט גינוג מיטעל אום דיזע צווייא מענגעל (פעלערין) אב צו העלפין

דען



דען עש וואר אין שטוב גינוג וואריס · אונ דר טיש גידעקט קיניגליך וויא גיוואנליך ביי איינעם גרויסין באליבאם פורים צו דר סעודה · אזו האב איך מיך באלד גוט דר ווארימט אונ גאנץ גינוג אן גיגעסין אונ אן גיטרונקן · אונ בין גיווארין דורך דעם אזו ערמידעט · דאש איך האב קוים דר לעבט דאש מען זאל שוין אפ בענטשין · אונ האב מיך גילייגט שלאפין אונ בין איין גישלאפין וויא איין שטיין דאש דיא צייט האט שוין איהרע רעכענונג פאר לארין פאר מיר · דען איך האב ביז זיינער צווייא פאר שלאפין זיבין שטונדין אין איינעם ארעם צוגן אונ דאן האב איך אן גיהייבין צו הערין דאש מען וועקט מיך מיט איינעם הארטין האנד · מען צופט מיך · איך האב אבער דיא באנדין דעם שלומערס ניט גיקענט צו רייסין ביז איך האב באקומען אנגוטין דיפענשטוים · אונ דאן האב איך אויף גיעפינט דיא אויגין · איך האב אבער קיינעם נים דער זעהן וויל עס וואר אין שטוב שטאק פינסטער · נור דר שטימע נאך האב איך דער קענט · דאש דר וועקר איז עש מיין זעליגער פאטר · אונ אויף מיינע האסטיגע פראגע „הא! ווארום האסט דוא מיך אזו גיוואלטיק אויף גיוועקט ?" וואר אן שטאט איינע באפרידיגענדע אנטווארט איין שטרייננר פאר זאג · דאש איך זאל קיין לארם מאכין נאכהער איין טיבטיגר (שטארקר) ווידיוואר פאר דעם וואש איך האב אזו שטארק גישלאפין · אונ דר נאך ערסט האט ער מיך גיפרעגט צו הער איך וואש עש טוט זיך אין שטוב ? „ איך האב מיך אוויילע איין גיהערט אונ בין גיווארין זייער שטארק צו שראקין · דען איך האב דר הערט דאש גראדע לעבין מיין צו קאפין שטייגין שטימן פון דר ערד וויא פון איינעם ארגעל גאר אן אויף הערונג · דיא שטימן ווארין זייער פאר שידען מאנכע ווארין וויא פיסטלען · מאנכע וויא זינגערליך · מאנכע וויא באסין · מאנכע וויא טענארין · דאך אלע זייער זובטיל אונ אלע מיט אמאל וויא צו זאמין גישמאלצין · אונ דער צו נאך זייער בעלאנבאלעם (טרויעריג) אינ הערץ

גרייפין

גרייפער אונ האב אזו אן גיהויבין צו שרייען · מיין זעליגר פאטר אבער האט מיר פר מאכט די מויל אונ האט צו מיר גיזאגט «מאך קיין לארים · דען די מוטר אונ די קינדר וועלין אום קומן פון שרעק · אזו גישווינד טוא אן די שטיוויל אונ דעם פוטר אונ נעם די לאנטערנע מיט אליכט וואס שטייט אויף דעם פענסטער · אונ גייא וואס צום גיכסטין נאך פייער דען עש ווערט נאך אין מאנכע הייזר פון הויף גיהולעט · דר צייל דארפטין קיין מעשה אונ ברייגנ פייער» ·

א ער העטע מיך אין דר העלע גישיקט וואלט מיר ניט אזו שרעקליך גיווען ווי דיזר נאנג · דען איך האב גאר פחד גיהאט ארויס צו שטעקין אהאנט אדר אפוס פון אונטר דר קאלדרע · אונ האב ניט גיוואלט גיין · מיין זעליגער פאטר אבער האט מיך גידראהעט (גישטראשעט) דאס ער וועט מיר די ביינער צו ברעכין באם איך וועל ניט גיין · אונ וואר אזו גיצוואונגן צו ערפילין זיין גיבאט ניט ווילינדיק ·

איך בין ארויש אויף דעם הויף אונ האב דר הערט דאש מען זינגט נאך צוואר אין אגיוויסע שטוב · איך בין אהין אריין · מען האט מיר אבער קיין פייער גיגעבין ווייל דארטין איז איינע גילעגין אין קימפעט · דער צו נאך האבין די שכורים מיך ניט ארויש גילאזין · איך האב גימוזט מאכין מיט זייא אשנאפס אונ דר נאך טאנצין מיט זייא אביינגילע · אונ דר נאך האבין זייא מיר אויש גיטאן דעם פוטר אונ איך בין גיבליבין שטיין אנאקיטער · קורץ דר פון עש איז מיר אן גיקומן מיט צרות ביז איך האב מיך פון דארטין לויז גימאכט · אונ בין אוועק אז אין דעם קלייזיל וואש דארטין וואר אין דעם הויף אום אן צו צינדין די לאנטערנע אן דעם נר תמיד · עש איז מיר אבער אן גיקומן מיט גרויש מיה ביז איך האב מיר דארטין דר קלאפט ווייל די ארימע בחורים ווארין אויך זייער פאר קלאפט · דר צו נאך וואר די לאנטערנע אן אשויב · אונ די ליכט האט צווייא מאל אויש גילאשין אונ

האב



האב אזו גימוזט צווייא מאל זיך אום קערין צו ריק אין קלייזיל אונ אויש הערין פון די ארימע בחורים אלע לעוויטין (בורצעריא) וואש זייא האבין מיך פאר גילעזין · א שאנדע איבר די עלטערע וועלט דאש זייא האט נאך פון שוועבילאך ניט גיוואוסט · אונ עש וואר דורך דעם מאנכע אום גליקין אין פיל הייזר גישעהן ווייא אין יענע ערטער וואש פעלט וואסר · דען די פייער ביצייגין וואש וואר דאן וואריק פון קנאפין נוצין פאר אונז אידין · דען וועלכר פון אונז האט גיהאט די אלע מכשירים וואש מען האט גיברויכט דר צו · שטאל · קראמין · צונטר טרוקינע · שוועבילאך גיהאלטין אין גיהעריגן ארדינונג · באלד וואר די צונטר נאס · די שוועבילאך פייכט · אונ די קראמין גאר גיפעלט · אונ מען האט אזו גידארפט האבין צו זייא אליכט מיט פייער זייא אויף צו זוכין בייא נאכט אונ צו רעכט מאכין · בינוג איך בין גיקומן אהיים מיט פייער אונ האב גילייזט פון מיינעם זעליגען פאטר בייא מיינעם ערשטין אריין גיין אפאר פעץ פאר וואש איך האב מיך גיזאמט · אונ דר צו נאך איין גוטין וויגיוזאר דאש הייסט «דיך איז נור גוט נאך דעם מלאך המות צו שיקין» ·

קורץ וועקס מיר זיינן צו גינאנגן צו דעם ארט וואו די שטימן האבין זיך גיהערט אונ האבין דר זעהן צו אונזרע שאנדע. דאש דיזע ארגיל שטימין קוועלין ארויש נור פון איינעם אנקיר פרישן ביר וואש אונזערר איין מחותן איין ביר ברייער האט גישיקט דעם פאטער שלוח מנות · דען ער האט נאך גיהאלטין אין גאהרען (אירעקן) · מיר האבין דרייא מאל אויש גישפויגין אונ דער נאך זיך אן גילאכט פון זיך זעלבסט · מיר האבין אבר שוין ניט גיקענט מער איין שלאפין · אונ מיין זעליגר פאטר וואש וואר איין קלוגר מאן האט מיך באלעהרט אויף די צו קונפט (אויף שפעטר) ניט צו זיין אזו איינגסטליך ווייטר · אונ ניט צו גלויבין אין דומהייטין · דאש ער זעלבסט וואר ניט צו שראקין אם מינדסטין · ער האט גיוואלט וויסין נור די אורזאכע דר פון אונ ווייטר ניט ·

5.

## „דער בעל שם“

אלס איך וואר ביא מיינע שוויגר עלטערין אויף קעסט, אין דר שטאט הרם איז פלוצליך גיווארין קראנק איינע שוואנגערע ווייביל: דיא טאכטר פון איינעם גילאנטעריע קרעמר וואש האט מיט מיר גיוואונט אין דעם הויפיל וואש האט גיהערט צו מיינע שוויגר עלטערין. זיא האט באקומן דיא לאטהארגיא (שלאפזוכט) דאש איז אזו אמין קראנקהייט דאש מען בלייבט ליגין וויא טויט: מען באוועגט זיך גיט מיט קיין אבר. זעלבסט ניט אבערעם. מען זעהט ניט ביא אפינעם אויגין אונ מען הערט ניט ביא אפינעם אויערין מער ניט דאש דר פולס גייט. דר אייניציגר באוויז דאש מען לעבט נאך. גיוואונליך דארף דיזע קראנקהייט גיהיילט ווערין דורך איינעם גישיקטין ארצט. אונ אזו איינר וואר גראדע דאן אין דר שטאט הרם. ער וואר איין פולקעווייער דאקטאר פון איינעם אוזארין רעגימענט; דיזר אבר וואורדע ליידר דורך איינעם גרויסין ווייבר ראטה אויש גימידען (ווענסקאי סאוועט) אונ מען האט זיך גיווענדעט צו איינעם טאטר. ער האט איר גירייבירט מיט צעטליך אונ מיט טייוועלס קאט. אונ אלע דיזע זאכין האבין איר גאר ניט גיהאלפין. אונ מען האט באלד אפעלירט צו אבעל שם וואש וואר אגרויסר מפורסם אין יענעם געגינד. דער פאטר האט אים אפ גיבראכט צו זיך אונ האט אים באדונגן פופציג רובל. אונ האט אים אפ גיגעבין אבאזונדר צימר אונ דר צו נאך זייער איין גוטן מיטאג. דיזער צימר וואר גראדע געגין מיינר וואונונג אונ האב איך גיקענט אים גוט בעאבאכטין ביא אפענעם פענסטר. דען דאש וואר אום זומר. אלס וואש ער טוט. אונ ווער עש גייט צו אים אריין אונ אויך הערין וואש ער שפרעכט מיט זיינע באזוכער. דיא אויף פירונג זיינע וואר זייער פרום. ער האט גיהיט ישן אונ האט גימאכט ביא זיך איין מנין. ער האט אב גיריכט חצות אלע נאכט





אונ האט ניט גיקוקט אויף ווייבר. אונ איז אזו גישטאנען אין איינעם הייליגין גרוך אין דר גאנצר שטאט. אזו האבין אן גיהויבין צו פאר קערין צו אים זייער פיל מענטשין אונ איבר הויפט ווייבר. אטייל וועגין קראנקהייטין. אטייל וועגין קינדר. אטייל עגונות. פון דיא ארומיגע שטעטלאך האט מען אן גיבראכט חולי נופלים. משוגעים. גלגולים. אונ אלעמען האט ער פאר שפראכין הילפע. אונ איבר הויפט האט מען זיך גיקוואפט אויף זיינע קמיעות. אונ האט אזו גימאכט דעם גראסין. אונ דר פאטר פון דיא קראנקע ווייביל וואר שטאלץ אויף זיינעם גאסט דען מען האט אים דארטין ממש פאר געטערט. יעדער אדר יעדערע האט דר ציילט פון אים אלץ איין אנדערין וואונדר. אונ עש איז מיט אים דארטין שוין אזו ווייט גיקומן דאש ער פלעגט שוין צו זיך גאר ניט צו לאזין סיידען דורך דיא פאר מיטלונג פון זיינעם ווירט:

ביא אים אויף דין טיש זיינען גילעגין זייער פיל פאר שריבענע פארמעטין ביטר מיט מלאכים כתב: אויך איז גיוועזן צו זעהן איינן טויטין קאפ אויף זיינעם טיש פון וועלכין ער פלעגט אן צו שקראבין אונ מאכין דר פון איין פראסיק צו טרינקן אונ אזו האט ער דארטין פאר לעבט אפאר וואכין אונ דיא ווייביל האט זיך ניט אם מינדעסטין ניט גיבעסירט. אונ איך האב מיט אים אין דיזין משך קיין ווארט גירעט אונ קיינע באקאנטשאפט גימאכט ווייל עש האט זיך ניט גימאכט קיינע פאסענדע גילעגינהייט דר צו. אונ איך האב עש ניט גיזוכט אונ עש וואלט אזו דר צו קיין מאל גיקומן ווען ניט דר פאטר פון דיא ווייביל וואש דיזר אן גיבעטינר גאסט האט אים שוין אן גיהויבין צו פאלין צו לאסט אונ האט מיך גיבעטין דאש איך זאל דעם בעל שם באזוכין אונ זאל אים דר נאך זאגין מיינע מיינונגן איבר אים:

איך וואר דאן נאך גאנץ יונג דאך אבר פיל נעהנטר גיוועזן צו לערנן אלש איצונד. אונ האב גילערינט אלעם זעלבשט ספרי קבלה אונ האב גיהאט אין דער קבלה אזו אחייטין באגריף דאש

איך האב מיך שוין גיקאנט באשפרעכין מיט איין רעכטין בעל מקובל איבר דיזע חכמהי נוא דאהער בין איך גיוועזן בייא זיך פעסט דאש איך וועל פון אים ניט אוועק מיט שאנדן · אונ ווערדע אם וויניגסטענס איין דרינגן אין אים אזו וויט דאש איך זאל וויסן וויא וויט זיין ידיעה איז אין דיזע ענינים · אונ האב זיך אזו גילאזט דורך דעם פאטר פון דר קראנקע אריין פירין צו אים · ער האט מיך אן גינומן פאר איין קראנקין אונ האט מיך גיפרעגט וואש מיר פעלט · „מיר פעלט גאט זייא דאנק גאר ניכט" האב איך אים גיענטפערט „מיר פעלט נור אייך צו קענן · ווען עש איז איינמאל רעכט צו האבין אין אונזר הויז איין אורח הגון אונ ניט צו באווייזן" „אונ ווער בישטו ?" האט ער מיך גיפרעגט מיט איינע שטאלצע מינע אונ האלטינדיג זיך פעסט אן דר אלטע זיטע ניט צו אירצין איינגין מאן „איך בין דא איין אידים בייא דיא צו וועמן דאש הויז גיהערט" האב איך אים גיענטפערט : אונ זיין ווירט האט זיך אונטר גיהאפט אונ האט גיזאגט „איז צו גלייך אויך איין יונגר מאן איין למדן אגרויסר יודע ספר איר מעגט מיט אים ריידין יעסט קאמו דזען דאברא דאסך · אחיהוש דאש איר קענט אים ניט ביז אהער איר זייט דאך שכנים אפענסטר געגין אפענסטר"

קורץ וועגם ער האט מיך גיבעטין זיצין אונ איבר ווארטין ביז ער וועט פאטערין צווייא דרייא ווייבר וואש האבין זיך קוים דר שלאגין צו אים · דיזעם ווארטין האט גידויערט אצייט אונ דאהער אויש לאנג ווילע האב איך גיעפינט אנישריבענם בוך זיינם אונ האב אין אים אריין גיקוקט · ער האט אים אבר באלד צו גינומן פון מיר מיט דיזע ווערטר „איונגין מאן דארף זיך ניט גילוסטין ; דיך פאר דריסט דאש דוא ביסט גיזונט עס פעלט דיר מער ניט דאש דוא זאלשט אויש ריידין אנאמן דא פון דיא ניט גוטע דאן האשטו אים בייא דאר זיים אונ וועשט ניט קענן לויז ווערין פון אים צייט דוא וועסט לעבין"

איך האב דאש בוך צו גימאכט אונ האב מיך אן גיהויבין

איזם



אויש לאנג ווילע צו אינטערעסירן מיט זיין גישפרעך וואש ער האט גישפרעכין מיט דיא ווייבר אין וועלכין ער האט זיך גיצייגט פאר זייא וויא איין געטליכר מאן וואש האט מאכט אום צו מאכין אלע ארדענונגן פון דר נאטור (סדרי הטבע) דאש איך האב מיך קוים גיקענט אב ווערין פון לאכין · אונ אלש די פרויען זיינן אוועק גיגאנגן האט ער זיך אום גיווענדעט צו מיר אונ האט מיך גיפרעגט פון וואנען איך בין אונ אין וואש איך בין עוסק אונ אזו נאך פיל שאלות אונ אלץ מיט גדלות אונ מיט אראבאנישע מינע · אונ איך האב אים אויף אלע זיינע שאלות בעאנטווארטעט קורץ אונ בינדיג אונ האב אים גיגעבין דר בייא דייטליכע ווינקע דאש איך האב אגוטין באגריף אין דיא חכמת הקבלה · אונ האב אים דר ווייל אויש גירעכינט די נעמן פון דיא ספרי הקבלה וואש איך האב דורך גילערינט אונ האב אים אגב גיפרעגט איינגע שווערי שאלות אין דיזע ענינים דאך אלש וויא אתלמיד בייא ארעבין · דאש הייסט איך פרעג אים אום נור וואש ער זאל מיר זייא רעכט מאכין ווייל איך פאר שטייא זייא ניט · אן שטאט אתשובה אבר האט ער מיך אן גיהויבין צו שטראפין וואש איך האב מיך גאר אריין גילאזין אזעלכע נסתרות פאר מיינם פערצינטין יאר · אונ האט מיך אויש גירעכינט וויפיל יונגע לייט זיינן דורך דעם נכשל גיווארין אונ זיינן אראפ פון וועג · אונ איך האב אים איין גיווענדעט אונ האב אים אויש גיציילט מער אלש דרייסיג יונגי לייט וואש האבין אין דיזר חכמה מחבר גיוועזן ספרים יקרים אונ זייער נאמן איז גיבליבין גרויש אונ היילינ אונטר אידין . „דר ווייל האב איך פון זייא אונ פון זייערע ספרים ניט גיהערט" האט ער זיך אפ גירופין צו מיר „ווען אזו ?" האב איך אים גיענטפערט ווינצע איך די עהרע צו האבין · אריין צו שפאצירין מיט מיר אין מיין צימר וואש איך לערין אין אים אונ דארטין וועל איך אייך ווייזין זייערע ספרים וואש האבין אויף זיך די גרעסטע הסכמות · אונ ווידר חוץ אלע זאכין ווינצע איך אייך צו האבין פאר אנאסט בייא מיר אונ וועל אויך

דורך

דורך דעם ווערין תקיפער ביא מיינע שוועגר עלטערין.

קורץ אום דר ערפאלג (פועל יוצא) פון דיזעם פראך וואר דאש ער האט אין מיר געפונן איין יונגין מאן וואש האט גינוג אונ פלייסיג גילערינט אונ איז דר. צו אגרוישר יודע ספר אין אנדערי פר שיידינע ענינים וואש פר שטייט צו פרעגין אונ צו אנטווארטין אין זייא וויא איין רעכטר זאך קענר. אונ איך האב אין אים דר וויטש איין וויסטין מענטשין וואש פר שטייט ניט זעלבשט אין זיינר זאכע אין וועלכר ער האט זיך בארימט גימאכט. דאש הייסט אין דר קבלה אזו גאר וואש דר קלענסטר מתחיל (אן פאנגר) אין דיזר חכמה פר שטייט אונ ווער רעט שוין פון נגלה דאש הייסט גלאט אין לערנן אונ פשיטא שוין אין אנדערי ידיעות. ער וואר אבר גלאט אקלוגר יונג אונ האט פר שטאנן צו שפילין אראלע וויא איינר וואש האט אשליסל פון אלע שערי חכמה. אזו וואר ער ניט קראנק אויף זיין שכל צו מערקין וואש פר אצורה ער האט ביא מיר אונ האט אזו אויש הוילער פורכט דאש איך זאל אים ניט ארונטר מאכין האט ער אן גיהויבין צו רעספעקטירן מיך (צו ערהירן) אונ האט מיך גילויבט גישמייכילט (גיהאנפט) אונ האט אויך ערפילט מיין מבוקש וואש איך האב פר לאנגט פון אים דאש ער זאל ארין גיין אין מיין צימר. איך האב אים דארטין זייער שיין אויף גינומן מיט עסין אונ טרינקן. אונ האב זיך אונטר האלטין מיט אים אצייט איך האב אים גיוויזין מיין ביבליאטיק. אונ האב אים גיצייגט ספרים וואש ער האט ביז אהער פון זייא ניט גיהערט אונ פשיטא ניט גיזעהן אונ האב אין אים גידרונגן דאש ער זאל מיר איבר נאכט לייען זיינע ביכר אונ ער האט ניט ווילנדיק גימוזט מיר עש נאך געבין.

דר אינהאלט (דר תוכן) פון זיינע ביכר וואר נור איינע זאמלונג פון סגולות אונ פון לחשים אונ השבעות וואש זיינן גיווארין מלוקט פון אלטע באקאנטע ספרים. למשל פון מפעלות אלהים; פון

ספר



ספר הזיאל פון ספר זכירה אונ דאש גלייכין. ווייטר ווארין דארטין פילע רפואה זאכין פון אלטע ספרי רפואות. אונ נעמען פון מלאכים אגאנצע איקאסקע אזו אויך פון שדים אונ פון רוחות. דר צו נאך שרעקליכע בילדר אונ תמונות מיט גרויסע אותיות. וואש ווארין מיר אלץ פון פריער שוין באקאנט אונ האבין אזו גירוכט (גישמעקט) מיט שארלאטאנערי (צמוטעדייא) דאש זייא האבין ביא מיר קיין ווערט גיהאט צו באטראכטין זייא גיהעריג. נור איין לחש וואר דארטין וואש איך האב אים גיווידיגט צו באטראכטין אונ דיזר וואר איינע קדחת פאר טרייבונג. ער האט פר נומן אגאנצין חאלבין בויגין אונ עש וואר ניט איין ווארט אין אים צו פר שטיין. מער אלש צווייא שטונדין האב איך אויף אים פר בראכט ביז איך בין אויף אים גיקומן. ער וואר גישריבין מיט אידישע אותיות אין ליטווישר שפראכע. עש וואר דארין גישריבין דאש ער משביע (באשווערט) די קדחת מיט אזעלכי נעמן וואש אונזי אידין איז עש פר באטין גאר צו דר מאנן אונ דר וואש טוט. עש איז על פי דין חייב סקילה אויף מארגין אלם איך האב אים די ביכר אפ גיטראגין האב איך אים גיבעטין דאש ער זאל מיר דיזן לחש ערקלערין. דיזר לחש האט ער מיר גיענטפערט. אין דיזן דרזין. דאש הייסט גיהיימנישע איבר גיהיימנישע. איך האב אים באקומן פון מיינם ארעבין. אונ ער ווידר האט עש באקומן פון איין גיוויסר ר׳ שיימע דערעציגר וואש וואר קדיש קדישין (איין העכסט הייליגער) וואש אים האט עש מוסר גיוועזן ווידר איין גיוויסר ר׳ אליה אליטר וואש האט מרעיש עולם גיוועזן מיט זיינע קבלה מעשות אונ ער האט עש אויך מקבל גיוועזן פון אגרוישין מאן אונ אלץ אן אפירוש. מיין רבי האט מיר גיזאגט דאש דיזר לחש איז שוין אלט אפשר טויזנט יאר אונ איז דר צו נאך בדוק ומנוסה דאש הייסט מען זעהט בחוש וויא ער העלפט. אזו ווען ער וואקסט פון אגרויסין ארט אונ העלפט קענען מיר זיך בארינגן מיט אים גאנץ דיבר אויך ניט ווייסנדיק זיינע בעדייטונג. אונ אזו האבין מיר כמה וכמה לחשים (פארידונגן) אין

דר

דר גמרא וואש מיר פר־ שטייען זייא ניט וויל זייא זיינן העכר פר דעם מענטשינם פר שטאנד :

ווען אזו האב איך אים גיענטפערט · וועל איך ערקלערין דעם פירוש דר פון אונ האב אים אזו פר טייטש ווארט אין ווארט · ער איז גיווארין בלייך ווייא אטוך · ער האט מיר גאר ניט גיהאט וואש צו ענטפערין · ער האט מער ניט ווייא גיבעטין מיך דאס איך זאל עש ניט דר ציילין פר קיינם · אונ אויף מארגין האט ער זיך פון דר שטאט הרם אפ גיטראגין · דר פאטר פון דר ווייביל וואר אויף מיר אויף גיבראכט · דען ער האט פר שטאנן דאש ער איז אנטלאפין נור איבר מיר · וויל דר בעל שם האט בייא נאכט אויש גירעט אויף מיר וואש אין קארט שטייט אונ האט נאך דר צו גיזאגט דאש ער האט פחד פר מיר דאש איך זאל אים ניט מאסערין · איך האב אים אבר דר ציילט דעם גאנג דר זאכע · עש האט זיך אים אבר ניט גיגלויבט · נון בין איך אוועק צו דעם רב אונ האב אים דר ציילט · ער האט אים גילאזט נאך יאגין אונ מען האט אים גיבראכט מיט דיא ביכר אונ מען האט עש בייא רב אין שטוב איבר גילייעגט :

נון פר שטייט זיך פון זיך זעלבשט וואש פר איין צרה עש האט דארטין דר בעל שם גיהאט אונ אזו אלע יענע וואש האבין אין אים מאמין גיוועזן · מען האט זיינע ביכר פר־ברענט אונ דר בעל שם האט גימוזט שווערין דאש ער זאל שוין מער זיינע שמות ניט גיברויכין אונ דר צו נאך מקבל תשובה זיין :

6.

דאש קומן צו רייטין אויף איין קאצירע !

עש וואר אין דר שטאט הרם איין אלטר קצב וואש האט גיהייסין דוד וואש אויך אים איז גיגאנגין די זאגע דאש זיינע פרויא וואש ער האט איר אוועק גיווארפין האט אים דורך איין מכשפה





גיבראכט פון מרחקים אהיים רייטינדיק אויף איין קאצירע · דיזע גישיכטע וואר דר ציילט אין שטאט פון קליין ביז גרויש · עש וואר ניט איינר וואש האט אין דעם גיצווייפילט · אונ דר דוד וואר אזו איין לעבענדיגר באווייז מיט וועלכעם די גלויביגר אין צווייבלר האבן זיך גיווערט אנטקעגין יענע וואש לייקנן אין דעם :

דיזר דוד ווייא גיזאגט שוין וואר אליין אמאל אין דר יוגינד אשניידר יונג נאך הער אטאוואריס · דר נאך איז ער גיווארין אין דר שטאט הרם איין קצב אונ אגרויסר אקסין הענדלר · לסוף ימיו אבר דאש הייסט אויף דר עלטר אלש ער איז גיווארין וואש דאש אידישע הענדלר ווארין דאש הייסט איין יורד איז ער זיך גיווארין אבטלן אונ אין דעם זעלבין קאצאבישן קלייזיל וואש ער האט כמה יאר גיצאלט הונדערט גילדין פר אתה הראית האט ער זיך אנידר גיזעצט איבר תהלים אונ האט דארטין גילעבט פון בעטלרייא · ער האט אפילו גיהאט דרייא זין גוט אין מעמד · זייא האבין אבר גאנץ ווייניג גיקוקט אויף אים · אדר בעסר צו זאגין גאר ניט ווייא דר שטייגר איז אונטר דעם אידישן המון עם · אונ האט זיך גיקענט פון זייערט וועגין פון הונגר אום קומן ווען ער וואלט נור גיוואלט · אונ בייא אלעם דעם וואר דיזר דוד איין גאנץ קלוגר מאן אונ איין ערליכר מאן · האט זיך גיהיט פון צו פאלין דעם אנדערין צו לאסט אונ האט זיך גינערט שבת אונ וואך מיט ברויט אונ מיט וואסר אדר מיט אפ גיקאכטע קארטאפל אונ האט דארטין אין דעם קלייזיל פר לעבט אזו זיינע לעצטע יארין :

דיזר קלייזיל וואר לעבין דעם הויף פון מיינע שווינר עלטערין · איינע שמאלע געסלע נור האט צווישין זייא ביידין מפסיק גיוועזן · דאהער פלעג איך נור אין אים צו דאבנן אונ צו לערנן · אונ דיזר אלטר דוד האט מיך באדינט אונ צו פאר גיקומן מיט וואש נור מיגליך איז · אונ איך מצדי פלעג אים מהנה זיין איטר מיט אשנאפס אונ מיט אהיטיל קארטאפל וואש איך פלעג אים צו ברייננן פון דער היים אונ אפט מיט איינם אלטין מלבוש אונ

אויך אראש חודש געלד אונ אבאד געלד : נון פר שטייט זיך דאש איך וואר אים העכסטן ליב אונ טייער · איין מאל אום ווינטר אין אגיוויסין שבת צו נאכט : אלס עס וואר איינע גיזעליגשאפט ביא מיינע שווינגער עלטערין אין שטוב . אין וועלבע עס וואר זייער פיל גישפראכין איבר שדים אונ כשוף · וואר אויך גימישט די אלטע גישיכטע פון דעם דוד · אונ עס ווארין אונטר דיזע ערציילר וואש האבין גישווארין דאש זייא האבין עס אליין גיזעהן צוואר מיט פר שיידינע נוסחאות · דאך אלע איין שטימיג · דאש דאש איז קלאר וויא עס איז איצונד שבת צו נאכט דאש די פרויא זיינע האט אים גיבראכט דורך די הילף פון איינר מכשפה פון מרחקים רייטנדיק אויף אקאצירע אום שבת · עס האט דאן דר מיט דיא שטאט גיקלונגן כמה וכמה חדשים אונ אלס איך האב עס גיוואלט איין ווענדין זיינן זייא גיווארין העכסט אויף גיבראכט אויף מיר אונ האבין מיר גיהאלטין פר איין קשה (שטארזיניגן) אונ פר איין עזות פנים דאש איך וויל מאכין די גרעסטע בעלי בתים פון שטאט פר נארין אונ פר ליגנר אונ זיך פר איין חכם · אונ עס איז דורך דעם גיקומן צו איין קריג אונ פיליייכט וואלט עס נאך גיקומן צו אנישלעג ווען מיינע פרויא וואלט מיך ניט ארויין גישטויסין אין מיין צימר · דען זייא האבין מיך גירופין אפיקורס אונ מיט נאך אזעלכע נעמן דר פר נור וואש איך האב ניט גיגלויבט אין דיזע דומהייטין · אונ האב אזו באשלאסין ביא זיך צו דר גיין די זאך ריכטיג ביא דוד דעם אלטין · גראדע אבר וואר איך די גאנצי נאך שבתדיקע וואך פר נומן · דאש איך האב ניט צייט גיהאט צו קומן אין קלייזיל · אונ ערשט דאנערשטאג ביא נאכט וואש דר מנהג איז דארטין דאש יונגי לייט וואש האלטין ביא לערנן זיינן אויף אין איר ביז טאג ווייל דען האט צייט זיך אויש צו שלאפין די גאנצע פרייטיג צו נאכט · האב איך מיך אויש גיריסין פון שטוב אונ בין אריין אין קלייזיל מיט אהיטיל קארטאפיל אונ האב מיך גיזעצט לערנן ארום צוועלפין האב איך צו גימאכט די גמרא אונ בין צו גיגאנגן צו דעם אויבין אין

וועלבין



וועלבין עס האט זיך דאן גיהייצט · אונ האב מיך גיזעצט פלוידערין מיט דוד דעם אלטין : אבר האב איך אריין גישאטין די קארטאפיל אין אויבין אונ האב גישיקט אקלייגם איינגיל נאך אהאלבי קווארט שנאפס מיט צוויא הערינג אונ מיר האבין אזו גימאכט איין קלויזנר באל אונ מיר זיינן זיך גיווארין גוטר דינגע : דאש הייסט אביסיל מונטר : אונ דאן האב איך אן גיהייבין צו ווענדין אונזר גישפרעך פון שדים · פון מתים · פון כשוף · אונ האב אים דר ביא גיפרעגט וואש האלט ער דר פון ? "איך האלט דאש זעלבינע" האט ער מיר גיענטפערט "וואש איר האלט דר פון" עס איז הוילע באלימוצטווע אונ שקרים · איך בין ב"ה קיין יונגר מאן איך האב מיך זייער ווייט אונ ברייט אין גאטעס וועלט אום גיקוקט · איך האב גינעכטיגט מיט פעקליך אקסין אין פעלדר אין וועלדר אין זומפין · אונ האב הלואי ווייטר קיין בייזעס גיזעהן : לבד איין מאל אלס איך בין גיפארין איינר אליין אום ווינטר ביא נאכט אלס דיא לבנה האט גישיינט · האב איך גיזעהן פון ווייטין דאש איין שוואדראן אוזארין ציהן פאזע וואלד · עס האט מיך גישווידערט צו הערין דען געריש פון זייערע שווערד · דען הירזין פון זייערע פערד דעם לוסטר (גלאנץ) פון זייערע קיווערין · אונ האב גימיינט פילע וואכין נאך דעם דאש דאש ווארין גיוויס איינע גייסטר ערשיינונג · דען אין דיזין גאנצין געגינד זיינן קיין מאל גישטאנן אוזארין · דר נאך האט זיך אויש גיוויזין דאש דאש ווארין נור אבאנדע רויבר וואש האבין זיך איבר גיקליבין פון איינם ווייטין ארט אונ וואו זייא ווארין ניט זיכר אין די וועלדר פון דיזם ארט "ווען אזו" מיין פריינד האב איך מיך אפ גירופין צו אים איז דאך מיר אגרוישר וואונדר וואש די גאנצע שטאט דר ציילט פון אייך אגאנצע גישיכטע · דאש אייערע אפרויא וואש איר האט איר אוועק גיווארפין האט אייך גילאזט דורך איין מכשפה ברייגן אהער רייטנדיק אויף אקאצירע אום שבת :

"יוא ברוך מזכיר נשכחות" האט ער זיך אפ גירופין הערינדיק צו מיין "דיזע גישיכטע איז די איינציגע וואש מאכט מיך פר

איין

אין טאמן אין צווייבערייא ביי יעדן מאל ווען איך דער מאן מיך אן איר· דען עס איז דאך מיט מיר אליין געשעהן· ווען אזוי האב איך מיך אפ גירופן צו אים „בעסטע איך דאס איר זאלט מיר עס ניט שלין· גלויבט דער ציילין· דען איך בין אגרויסר באלין אויף אזויגע ענינים צו הערין· אונ בפרט נאך דיזע געשיכטע וואס איך האב פון איר גינוג גילייטין דאס הייסט ווייטר גנוג אויס גיזיילט גיווארין· אונ האב אים אזו דר ציילט פון דעם אויף טריט וואס דא צו ליב דעם מיט מיר אין שטוב פון מיינע שוויגר עלטערין· נוא זאלט איר וויסן דאס זייא זיינן גירעכט· אונ ניט איך· ווייל די זאך איז ווארר אונ די געשיכטע ווארר אזו אין מיינע יונגע יארין ווארר איך אשניידער אונ האב גינומן פר איין ווייב ביין באליבאם טאכטר· איך האב מיט איר גילעבט גאנצע דרייא יאר וואס דאס ווארר דער משך פון מיינע קעסט אונ נאך העכער אלס איך האב גיהארעפט ארויס גיין פר זיך. האב איך זיא אוועק גיווארפן אין בין אוועק קיין קריסעצוק· דען איך האב איר פיינד גיהאט פון דער ערשטע שטונדע נאך דער חתונה· אונ האב מיך דארטין גישטעלט דינן ביי איין שניידער אלס שטיק ארבייטר· אונ עס ווארר מיר דארטין זייער גוט· איך ווארר דארטין גאנצע צווייא יאר אונ קיינר האט פון מיר ניט גיוואוסט· איך האב שוין צו זאמען גיקליבין עטליכע גילדין אונ האב שוין גיהאט בדעה אוועק צו פארין פון דארטין ווייטער· נון האט זיך גימאכט דאס אום שבת פרשה שקלים נאך דעם צאלינם אלס איך בין ארויס גיגאנגן פון שטוב אום וואסר אפ צו שלאגן אין איין זייפצע אן אהיטיל אונ אן אנארטיל· האט זיך מיר פר דרייט די קאפ דאס איך האב ניט גיוואוסט וואו איך בין אין דער וועלט אונ באלד דרויף האט זיך מיר גידוכט דאס עס שטייט לעבין מיר איין גיזאטילטע פערד אונ איך בין אויף אים ארויף ניט ווילינדיק· דען איינע אונזיכטבארע צויבר קראפט האט מיך אויף גיהייבן אויף אים אונ דאן האט ער אן גיהויבן צו לויפן מיט מיר וויא איין פויגיל· ער איז דורך גילאפין מיט מיר דורך

עלדר



פעלדר אונ דורך וועלדר· איבר שטעט אונ דערפר· איבר וואסערין אונ בריקין· אונ האט מיך אין דעם וועלבין טאג גיבראכט אויף דר פאר שטאט קאסטיר אונ האט מיך דארטין פון זיך אראפ גיווארפין· אונ ער אליין איז פר שוואנדעלט גיווארין פר מיינע אויגין אין אקאציע· מער אלס איינע האלבע שטונדע האב איך ניט גיוואוסט אין וועלכע שטאט איך בין· איך בין גילעגין אויף אבערגיל מיטם אונ די קאציע לעבין מיר· אין האלבע שטונדע ארום אלס עס האבין זיך אן גיהויבין מענטשין צו קלייבין ארום מיר· וואס איך האב זייא גיקענט אונ אזו זייא מיך אויך· האב איך אן גיהויבין צו בעטין דאס איך בין אין דר פאר שטאט פון הרס· באלד דרויף איז גיקומן אויך מיינע פרויא צו מיר פון זיך וועלבסט וויא זיא וואלט דא שטונדע פון מיינעם קומן פריהער גיוואוסט· אונ עס איז דר מיט גיווארין די גאנצי שטאט אויף· נאך מער וואונדר איך האב איר פון יענע צייט אן ליב באקומן אונ האב אויס גיפירט מיין וועלט מיט איר״

„נוא גוט״ האב איך אים גיפרעגט „נוא אזו ווייסט איר דאס דיזע געשיכטע איז גישעהן דורך איינע מכשפה?״ „ערסטינס ווייל מיט אדרך הטבע האט עס ניט גיקענט גישעהן״ האט ער מיר גיענטפערט „צווייטינס האט זיך מיין ווייב באריהמט נאך פר מיין קומן דאס זיא וועט מיר אכשוף טאן דורך די מכשפה האנולקע· אונ נוא האט פאר אויס בארעכינט דעם טאג אונ די שטונדע פון מיינעם קומן״

„ליבר ר׳ דוד!״ האב איך מיך צו אים אפ גירופין „איך האב אייך ביז אהער גיהאלטין פר איינעם בראווין ערליכן מאן אונ האלט אייך דאפיר נאך איצונד אויך· אינ דאך בין איך גיצוואונגן צו ליב דיזר געשיכטע אייערע ערליכקייט אויף איינע פראבע שטעלין״ אונ ווידעם ריידינדיק האב איך אריין גישטעקט די האנט אין קעסינע אונ האב ארויס גינומן ארובל געקס· דען איך האב דאן גיהאט ביי זיך ארובל זיבעציג ווייל איך האב גידארפט פר טאג אוועק

באצרי

פארין פון קלייזיל. מאקע אין אהויף נאך בראנפין אונ האב צו אים גיזאגט · איך בין נאך איין יונגר מאן אנביר אין יארין · אזו שפילט בייא מיר זעקש רובל נאר קיינע ראלע · איך גיב איך מיין פריינד זעקש קערבליך דאש איר זאלט מיר נור זאגין בייא אייערן עהרין ווארט דאש דיזע גישיכטע איז ווארי. קוים האב איך אים אויש גישפראכין דיזע ווערטר איז דר מענטש גיווארין זייער מבויש אונ רויט וויא אפונק · ער האט מיט זיינר האנט דאש געלט אפ גישארט אונ האט מיר גיענטפערט דיזע ווערטר: »איך וועל בייא איך קיין געלט נעמן אונ וועל ניט זאגין אויף מיין עהרין ווארט · אונ זאגן איך האב בייא איך פר לארין איין עטוואש פון מיינע ערליכקייט האט איר בייא מיר פיל מעהר פר לארין פון אייער חכמה · דען איך האב איך ביז העהר פר קליגר גיהאלטין · דאך לאמיר בלייבן גוטע פריינד וויא פריהער אונ בעט איך וויא גאט איז איך ליב דאש איר זאלט מיט מיר ווייטר דר פון ניט ריידין«

נון מיינע טייערע לעזערין פון דיזר אנטווארט איז גינוג צו שליסין דאש דיזע גישיכטע איז דורך אויש איין ליגין · אונ דר זייד דר אלטר האט גיהאט דר בייא גיוויס איינע גיוויסע אבזיכט דר מיט דאש ער האט מיט זיינר פרויא איינע ראלע גישפילט · אונ אזו איז גיוויש די זעלבע אורזאכע פון אלע אנדערי צויבר גישיכטען וואש דר פעבעל (המון עם) זיינן זייא מגדל אונ מאכין פון זייא שרעקליכע אונ הייליגע ספורים:

7.

„דר גייסטר זעהר׳ ד״ה דר שדים זעהר״

מיין זעליגר פאטר האט גיוואונט אין איינר דירה וואש אירע פענסטר וואהרן גיווענדט אין איינם גרוישן גארטין וואש אמייל פון אים וואר איין קליינר וועלדיל וואש האט זיך אוועק גיצויגן ביז אנטעריק שטאט · אונ דאר דיזע וואונונג אום זומר צייט איינע

ווארע



ווארע מאיחוקע · אונ דאהער פלעגין מיר אום זומר זייער אפט דארטין געבטיגן · דאש הייסט אונזערי פינף ברידר וואש מיר זיינן גיוועזן שוין פר הייך · די ערשטע נאכט פון שבועות אבר פלעגין מיר אלע בייא זאמען זיין בייא אים אונ צו צו ברייגן ביז ותיקין אין זאגין אונ אין ביידין · אויך פלעגט ניט פעלין דר בייא אגלעזיל מארעך אונ מינה פלעגין בייא אים אזו צו ברייגען דעם גאנצין שבועות אין פאמיליען קרייז וויא אונזערי אלטע פאטריארכען (אבות העולם) · אונ מיין זעליגר פאטר פלעגט זיך דר בייא זייער גליקליך גיפינן · דען מיר וואהרן אלע יודעי ספר אונ ניט שלעכט אין מעמד · אונ יעדרער פון אונז האט זיך שוין מכין גיוועזן אויף דיזן הייליגן יום טוב אונשר צו האלטין אים מיט וואש נור מיגליך איז · דר מיט איין תורה ווערטיל אונ דר מיט איין גליך ווערטיל איין אנדערר מיט אשיינע ערציילונג:

אונזערי מוטר זאל לעבין איז אויך ניט גליך גילטיג גיבליבין אימר בייא דיזן הייליגן פעסט פלעגט אין צו גרייטין פון אלעם גוטין אונ דר טיש פלעגט זיין אימר גידעקט מיט שבועותדיקע זאכין איבר די מאסין אונ וואר איך העכסט פר גיניגט דר בייא«

נון האט זיך גימאכט דאש איין מאל אין די ערשטע טעג פון שבועות אלש אלע אונזערע ברידער וואהרן בייא אונזר פאטער אונ די פענסטר וואהרן אפין אין וועלדיל וואש דורך זייני בוימער האט דורך גישיינט די לבנה גראדע אין שטוב · וואר אונזער מוטער באזארגט העגין לבנה שיין אונ האט אונז גיהייסין צו מאכין די פענסטר · אונ דיזעש האט אונז גיגעבין גינוג שטאף (גילעגינהייט) צו באשפרעכין זיך איבר די מאנדזיכטיגע · דאש הייסט איבר די נאכט וואנדלר וואש וואנדערין שלאפינדיקערהייט בייא נאכט אלש דר מאנד שיינט · אונ דר פון זיינן מיר ארין אין איין גישפרעך איבר שדים אונ גלגולים אונ חלומות · אונ האבין אונז זייער לוסטיג גימאכט דאריבר · דען עש וואר דר ציילט גישיכטען דר פון דאש מען האט זיך גימאכט שאט אין לאכן דאריבר · אין דעם איז ארין גיקומן

אין

אין שטוב איין שבן פון הויף איין גיוישר יעליג איין רויש געוועלער׃ דאש היישט ער האט ניהאט איינע רויטע נאזע וואש מען באקומט עש פון צו פיל שנאפס מאכין ׃ ער איז אריין נור צו ליב דעם חייל ער האט גיזעהן דאש מען האט אריין גיטראגין צו מיינעם זעליגן פאטר אטאפ מארעץ ביר ׃ אונ האט אזו גיוואלט איין מיט העלפר זיין ׃ ער איז אריין גיקומן שוין איין האלב פארטיגר מיט אברייטין נוט יום טוב ׃ אונ מיין פאטר האט אים זייער פריינדליך אן גינומן אונ האט אים גיבעטין זיצין ׃ אונ האט אים צו גלייך מכבד גיוועזן מיט אגלעזיל ביר ׃ קוים אבר האט זיך דיזער ניעוויעז (אונוויסענדר) איין גיהערט אין אונזערי ערציילונגן אין וועלכי מיר מאכין זיך לוסטיג איבר די שדים ׃ האט ער זיך וויא איין פייער אן גיצונדן אונ האט מיך אן גינומן פר מיין קלאפע (ווייל איך וואר דאן דר ערציילר ביא זיינעם אריין קומן אין שטוב) מיט גרויש צארין ׃ ער האט מיך אן גיהויבין צו גראבייאנן אונ האט מיך גירופין אפיקורס. אונ האט גיטאפט מינע מיך דורך דעם פענסטר ארויש צו ווארפין ׃ גנן פר שטייט זיך דאש עש וואלט גיווארין פון אים דארטין איין הויפין ביינער ׃ דען אונזערי פינף ווארין קיינע קראנקע איינגלאך ׃ חען אונזר זעליגר פאטר וואלט אונז ניט אפ גיהאלטין איין פינגר אויף אים צו לייגין ׃ אונ האט אן גיהויבין צו גלייך צו אונטר האנדלן מיט דעם זעליגן פאטר מיט זייער פריינדליבע ווערטר דאש ער זאל מיך אפ לאזין ׃ אונ האט אים אויך דר ביא גיפרעגט זייער זאנפט וואש מאכט עש אים אויש צו מען האלט פון שדים צו ניט ׃ דיזע פריינדליבע בעהאנדלונג האט אים באלד אויש גיניכטערט ׃ ער האט מיך באלד איבר גיבעטין אונ האט זיך צו גלייך פר ענטפערט ׃ מיך האט פר דראסין דיין לאכין פון שדים„ האט ער זיך צו מיר אפ גירופין „נור„ דארום ווייל איך לייד פון דיא ניט גוטע שוין כמה חדשים אונ עש קאסטעט מיך אויך גינוג געלט ׃ דען מיין ברודר יאנקיל וואש וואונט אין טורעציסאק האט פון זייא קיין מנוחה מער אלש צוועלף וואכין , אונ דר יאנקיל איז ביא מיר טייערר אלש

איך



איך אליין ׃ דען ער איז אלטן אליטווישר מענטש אונ איז אפאמר פון פינף קינדר ׃ אונ די זיינע נוטע פר מאטערין אים ׃ זייא קומן צו אים אלע נאכט אין אנדערע גישטאלטין ׃ אמאל אלש אידין מיט חייבר אונ מיט קינדר מאכין ביא אים קליימערסט אמנין ׃ אונ דר נאך מוז ער זיי מכבד זיין מיט שנאפס אונ מיט גיבאקטע קארטאפל ׃ אונ אמאל קומן זייא צו אים אלש זאלדאטין אונ טוען גרויש שאדינם אין שטוב ׃ אונ אמאל שעמען זייא זיך גאר ניט אונ ווייזין זיך ארויש גאר אן בושה ווער זייא זיינן ׃ דאש הייסט כת לצנים אונ פר מאטערין אים מיט טענץ אונ מיט שפרינגן אונ לאזין אים ניט איין אויג צו טאן ׃ ער איז שוין דר פון קיין מין פון אמענטשין ׃ נאט ווייש וואש עש קען זיך דר פון אויש לאזין ׃ עש קאסט מיר שוין גינוג געלט בעלי שמות ׃ טאטערין ׃ מכשפים ׃ עש איז זייא ניט אפ צו טרייבין ׃ נוא ווען מען זעהט פר זיך אזו איין צרה ׃ פר דריסט עש טאקע שרעקליך ווען מען זעהט דאש מענטשין מאכין זיך נאך לוסטיג דאריבר ׃ דאהער דארפט איר אויך מיר גאר קיין פר איבל האבין דאש איך בין דא אזו אביסיל גראב אן גיקומן ׃ דען בלוט איז ניט וואסר„

אונ וואש טוען חייב אונ קינדר ?„ האב איך אים גיפרעגט אלש עש קומן אן די כת לצנים„ אויף זייא פאלט איין שלאף בשעת מעשה דאש עש איז זייא ניט צו דר וועקין ׃ אינ אזו פאלט איין שלאף אויף אלע אנדערי וואש נעכטיגין דארטין ׃ אונ זייא מוטשין נור אים אליין„ האט ער מיר גיענטפערט „וויא ווייט וואונט פון דאנען אייער ברודר ?„ האב איך אים גיפרעגט „אמייל פיר„ האט ער מיר גיענטפערט „יודען אזו וועל איך צו אים אריבר פארין אונ וועל ביא אים נעכטיגין„ האב איך גיענטפערט „איך וועל זעהן צו וועט אויף מיך פאלין אשלאף אדר ניט„ אויף מיינע הוצאות !„ האט ער זיך אפ גירופין „איך ברויך עש ניט„ האב איך אים גיענטפערט ׃ אונ האבין אזו פר שמועסט מיט אים די נאכט ביז ותיקין ווענין דעם ׃ אונ ער האט אונז אן דר ציילט פון זיינעם

ברודר

ברודר הרים גבעות · דאס זעלבסט מיין זעליגר פאטר האט אן גיהויבן צו גלויבן · דען וויא איז עס מיגליך דאס אמענטש זאל אזו פילבנים זיין · אונ איך האב גיברענט פון אונגידולד דאס איך זאל שוין הה לעבין דעם אסרו חג אום צו פארין צו זיינם ברודר · שבועות וואר דאן זונטאג אונ מאנטאג · דינסטאג אין דר. פריא בין איך ארויש פון שטוב אום צו מאכין אפור פר מיר קיין טורעציסאק · דען עס איז דאן איין מארק טאג · נון זיינן דא פורין אין שטאט פון די אלע ארומיגע דערפר · קוים אבר בין איך ארויש אין גאס האט מיך באגעגינט איין יונגר בוך העדלר דאס הייסט איין יונגר מאן וואס האט אקארבסט אן גיהויבן צו האנדלן מיט אלטע אונ גיניצטע ביכר · אונ וויל ער וואר נאך אין דעם עסק ניט גיניט פלעגט ער יעדין פעקיל ביכר וואס עס האט זיך אים גיטראפין צו קויפין ברייננגן צו מיר דאס איך זאל אים זאגין וואס עס איז ווערט צו געבין פר אים אונ וואס מען קען נעמין פר יעדין בוך באזונדר · «כמו וואש איך האב אייך אן גיטראפין» האט ער זיך צו מיר אפ גירופין «זייט אזו גוט אונ זעהט מיר איבר דיזין פעקיל ביכר» איך האב מיך אום גיקערט צו ליב דעם אהיים דען איך בין פון נאטור אגרוישר פריינד פון אלטע ביכר · איך האב זייא איבר גיזעהן אונ האב איינם פון זייא דר האלטין פר מיך פר איין קליניקייט פר פופצעהן קאפייקין · ער וואר רעכט דיק אבר גאנץ אב גיניצט אונ פר שמאלצין · זיין טיטול אבר האט מיך העכסט באצויבערט · דען ער האט גיהייסין די גיהיימניסע דר נאטור (סתרי הטבע) אונ האב אים אן גיהויבן באלד צו בלעטערין אונ האב אין אים גיפונן קאפיטלאך וואש ערקלערין זייער טיפע ענינים וואס ווארין בייא מיר זייער וויכטיג צו וויסין אונ האב זייא ניט גיקענט אליין משיג זיין · מער פר אלץ וואר דארטין פר האנדילט איבר די פשיכעלאגיע (חכמת הנפש) איבר דעם מאגנעטיזמוס · מער פר אלץ האט מיך אן גיצויגין איינע גישיכטע פון דעם גרויסין וועלט רייזין (התכם הבוגל) פאפע דר איינגלישע פילאזאף אונ דיכטר (מליץ) וואס האט





אין זיין ציים מרעיש עולם גיוועזן מיט זיין חכמה אונ האב זיך אזו פארגעניגן ציים אום עס באלד דורך צו לעזען · אונ וועל עס דא איין קיצור דער פון מעתיק זיין ווייל עס האט אגרויסין שייכות צו מיינער ערצייהלונג :

דער פאפע וואר איין גרויסער אונ טיפער דיינקער · דער צו נאך אמענטש מיט פעסטין באראקטער אונ אגוויסער בעל דעה · ער האט זיך גיהאלטין פעסט אין זיינע מיינונגען אונ האט זיך ניט גילאזט איינוועגדען וואו מען האט אים ניט גרונדליכע בעווייזע אויף גיוויזין דאס עס איז ניט אזו וויא ער מיינט · ער וואר איין זייער גענונטער מענטש אונ האט פאר שטאנען דיא גיזונדהייט זייער גוט איין צו היטין · זומער פלעגט ער זיך וואונען אויף דעם לאנד אין צווייא הילצערנע הייזער · אין פאדער שטוב פלעגין צו שלאפין זיינע צווייא בעדינטע · אין דער צווייטע שטוב וואס וואר פיל קלענער אלס דיא ערסטע וואר זיין שלאף צימער אונ צו גלייך זיין נאבינעט · אלע פאר נאכט פלעגט ער מאכין פום רייזין זייער ווייטע שפרעקען (שטיקער) · אונ קומענדיק אהיים האט ער גינעסין נור צווייא דרייא שיטערע אייער מיט ברויט אונ מיט פוטער אונ איין עטוואס ביר אונ פלעגט זיך לייגין שלאפין · נון האט זיך איין מאל גימאכט דאס ער איז גיקומען אהיים פון זיינעם גיוואוינליכען שפאציר גאנג גאנץ פאר שטימט (טרויעריג) · האט דאהער ווייניגער גינעסין וויא אלע מאל אונ האט זיך גילייגט אויף זיין בעט בארעכבענדיק מיט זיך זעלבסט · דארום איז ער אזו פאר שטימט · ער האט זיך אן גיפילט דעם פולס אונ האט אים ווירקליך גיפונען איין ביסבען פולער אונ ראסער (געשווינדער) וויא גיוואונליך ·

קוים אבער האט ער דיא אויגין צו גימאכט אונ האט אן גיהויבן איין צו שלומערין · האט ער דער הערט דאס מען קלאפט אן בייא אים אין טיר וויא איינער וואס וויל איינעם בעזוך מאכין «איך ביטע הערעין!» האט זיך דער פאפע אפ גירופין ניט

בעדיינקענד זיך דאש די טיר פון זיין שלאף ציממער איז פאר רוקט פון אינוויינג · קוים אבער האט ער עש אויש גישפראכין · האט זיך דיא טיר וויא דורך אצויבער אויף גימאכט · אונ עש איז ארייין צוא אים איינגער מאן אשפאנער גאונ האט אראפ גינומן די היטעל אונ האט זיך פאר נייגט · אונ איז צו גיגאנגען צו זיינעם שרייב טיש אונ האט אן גיהויבין דורך צו לעזין דיא שריפטען פון דיזען פילעזאפען · אונ דיזעם האט דעם פאפען זייער פאר דראסין אונ האט עש אים באלד אויס גירעט · דער נאסט אבער האט עש גאר ניט גיהערט אונ האט זיך גיטאן זיין זאך גאנץ אונגעשטערט · אונ אלס ער האט איבער גיזעהען דיא פאפירען פון טישעל האט ער זיך אקער גיגעבין צו דעם שאף וואש וואר פול מיט ביכער אונ האט אן גיהויבין יעדעם בוך באזונדער איבער צו זעהען זייער גישווינד אונ מיט איינעם קענער בליק · אונ דיזעם האט דעם פאפען נאך מער ניערגערט · אונ אזו ווייט דאש ער האט אים גיפרעגט ווער איז עש פאר איינער וואש שטייט זיך אונטער צו מאכין אבעזוך ארום עלפין ביי נאכט · אונ דורך צו זוכין זיינע ביכער אונ שריפטין אן ערלויבטערהייט · אונ נאך מער איז אים גיווארין אגרויסע קשה · וויא אזו איז ער ארייין אין זיין שלאף ציממער · ער וואר דאך פאר רוקט פון אינוויינג ·

אויף אלע דיזע פראגען אבער האט ער קיינע אנטווארט באקומען · אונ אלזו וואר ער שוין גיצייטיגט ארייין צו רופין זיינע דינער · ער האט אבער מער ניט וויא איינע אנטווארט פון זייא באקומען דאש זייא וועלין באלד ארייין גיין · אונ זיינען אבער ניט ארייין גיקומען · דא האט ער זיך אראפ גיהאפט פון זיינעם בעט מיט גרויש צארין · האט אראפ גינומען פון וואנט זיין גילאדענעם פיסטאלעט אונ איז צו גיגאנגען צו דעם שפאנער · אונ האט צו אים גיזאגט „עלינדער זאגסט דוא ווער דוא ביזט איז גוט · אונ ווען ניט שיסע איך דיך טויט אויף דיא שטעלע" · דער שפאנער אבער האט אים דארויף אויך ניט גיענטפערט · אונ האט זיך נור צו אים אפ

ניקערט



גיקערט · האט אים אויף גיעפינט דעם בוזעם דאש הייסט וויא איינער זאגט „שים" קוים אבער האט דער פילאזאף דער זעהן זיין הארץ איז אים דער פיסטאלעט ארויס גיפאלין פון האנט אויס שרעק · דען עס האט עש אויש גיזעהען וויא פון אפער וואש ליגט שוין צעהן יאר אין דער ערד · עש וואר נור דארע קנאכען · באלד אבער האט דער שפאנער באדעקט איבער צוא זעהן דיא ביכער · האט זיך פערנייגט פאר דעם פאפען אונ איז זיך אוועק ווידער דורך דיא פאר שלאסענע טיר · קוים איז דער שפאנער ארויס זיינען ארייין צוא אים ביידע קנעכט אונ פרעגין אים וואש האט ער זייא גירופין · אונ וואהרום זיים איר ניט באלד ארייין גיגאנגען ? „האט ער זייא גיפרעגט" „מיר האבין אונז אזו לאנג פאר זאמט נור" האבין זייא אים גיענטפערט „מער ניט וויא פיל עס דארף גידויערין זיך אן טאן" „דער וויילע אבער זאגט מיר" האט ער זיך צו זייא אפ גירופין ווער איז עס פאר איינער דיזער אונצייטיגער אונ אונגיבעטענער נאסט וואש ער איז דא גיוועזען איצונד אונ האט זיך אזו אונהייפליך בענומען · וויא לאזט איר אים ארייין ניט אן גימעלדעטערהייט · אונ בפרט נאך ביי נאכט אלס איך האב מיך שלאפין גילייגט ?"

„דיזער מאן" האבין זייא אים גיענטפערט גאנץ אונוויליג ווייל זייא האבין גיוואוסט אויף קלאר דאש ער וועט זייער אנטווארט אן נעמען פאר איינען הוילין ליגין · אונ וועט האבין דורך אים נור אחשד אויף זייא דאש זייא זיינען אין בונד מיט אגיוויסין בעטריגער נור · דען ער איז איין שטארקער אונגלויביגער אין גייסטער גישיכטען · אונ איז איטער אין דער מיינונג דאש זייא זיינען געגרינדעט נור אויף טרוג אונ ליגן · אונ דאך אלס וויא מענטשין וואס האבין קיין אנדער וואהל (ברירה) נור צו דער ציילין איינע זאכע וויא זיא איז אין דער ווירקליכקייט · האבין זייא אים גיענטפערט ליבער הער · גלויבט יוא גלויבט ניט · מיר מוזין אייך דער ציילין וואס נור מיר ווייסין פון דיזין אונבעקאנטין · איר זאלט

ווישן

וויזשין דאש דיזער שפאנער איז אונזער אפטער גאסט · דען ער בעזוכט אונז כמעט אלע נאכט פון עלפין ביז צוועלפין · ער מאכט דורך אלעש וואש עש איז נור דא אין שטוב אונ גייט זיך דער נאך אוועק · ביא יעדען בעזוך וואר ער שטום אונ פינסטער · עש איז קיין אנטווארט אפ צוא צווינגען ביא אים אויף אלע אונזערע פראגען וואש מיר מאכין אן אים · מיר האבין איינינע מאל זיך גיפרובט אן צו גרייפין אים · אונ עש האט אונז ניט געלונגען · עש וואר אונמעגליך אן צו נעמען אים וויא איינעם מענטשין וואש מען זעהט דורך איינע שפאקטיווע וואש ער שיינט דורך איר צו זיין גאנץ נאהענט אונ איז ווירקליך וויט אונ בלייבט אונז אלזו אווישער (חוץ) דיא הענד · איין מאל זיינן מיר נאך אים גיגאנגען אלס ער איז ארויש פון שטוב · האבין מיר גיזעהען וויא ער איז זיך אוועק צוא דעם קאטוילישען מאהילניק וואס איז פון דאנען אנטער וויארסט · אונ דאש איז ער אריבער איבער דעם טויער וויא איין פליבטיגער (גישווינטער) גייסט · אונ ווייל מיר ווייסין דאש איר לאכט פון אלע גייסטער געשיכטען · אונ פאר אכטעט יענעם דער וואש דר ציילט עס · דאהער האבין מיר עס ניט גיוואלט דר ציילין ביז היינטיגע נאכט וואש ער האט זיך אייך זעלבסט באוויזין·

דיזע ערציילונג האט דיזין שטארקין גייסט דאש הייסט דעם פאפען אזו וויט ערציטערט · דאש ער האט שוין פחד גיהאט צו שלאפין אליין אין שלאף צימער אונ האט גיהייסין דאש איינער פון זיינע בעדינטען זאל נאכטען ביא אים · ער האט זיך גילייגט שלאפין אונ האט אפ גישלאפין גאנץ רוהיג ביז גרויסין טאג · אונ ער וואר העכסט פאר וואונדערט אלס ער האט דער וויסט דיא טיר פון זיין שלאף צימער פאר רוקט פון אינעווייניג אונ דער באדינטער וואש האט ביא אים גינעכטיגט איז ניט דא · ער האט אוף גיעפינט דיא טיר אונ האט באלד גיפרעגט ביא אים וויא אזו איז ער ארויש פון זיינעם שלאף צימער · דען ער וואר פאר רוקט פון איניווייניג · דער בעדינטער אבער האט גאר גיט פאר שטאנען וואש ער פרעגט

אים



אים אונ האט אים גיענטפערט „איך ווייס ניט וואש איר פרעגט · איך האב דיא נאכט גישלאפין וואו איך שלאף אלע מאל אונ ניט ביא אייך אין אייערין שלאף צימער„ „וואש איז מיט דיר היינט דוא דום קאפ !„ האט זיך דער פאפע אפ גירופין „ביזט דוא פון זינען אראפ ? אדער דוא ווילסט מיך צום נארין מאכין אונ דיא נעכטיגע געשיכטע צו ניכטס צו מאכין · גישווינט ארויס מיט דער וואהרהייט אונ ווען ניט לאז איך אייך ביידין פעסט זעצין„ ·

דיזע דראהונג (שטראשוניק) אבער האט גאר ניט גיווירקט אויף זייא · דען זייא האבין ביידע ווירקליך ניט גיוואוסט פון וואש צו זאגין ·· אונ האבין גישווארין ביא זייערע וועלטקייט אונ ביא אלעם וואש וואר זייא נור ליב אונ טייער · דאש ער האט זייא דיא נאכט גאר ניט גירופין ·· אונ דאש זייא ווייסין אויך ניט פון דעם שפאנער וואש ער זאגט ער וואר ביא אים מיט אהיזיטע ביי נאכט · דיזע ריידעריי איז אים אריין זייער שטארק אין דער נאזע · דען זיינע בעדינטע ווארין איטער געהארזאמע אונ ערליכע לייט · אונ האט זיך אן גיהויבין ארום צו קוקין ביא זיך אין שלאף צימער אום צוא גיפינען שפורען (צייכנים) פון דעם נעכטיגין בעזוך · דאס הייסט ער האט איבער גיזעהען דיא פאפירין וואס דער פרעבעדער האט אין זייא נעכטין געוויהלט (גיגראבין) אונ אזוי אויך האט ער איבער גיזעהען דיא ביכער פון שראנק וועלכע ער האט זייא נעכטין איבער גיקערט קאפויר · אונ האט זייא צוא זיינער גרויסין פערוואונדערונג גיפונען אין זיינער אלטין ארדענונג אונ אזו אויך האט ער דער וויסט דעם פיסטאלעט אויף זיינעם נאגיל היינגענד · אונ ער האט [illegible]ים וויא ער ווייס גאר אויף דעם טיש אוועק גילייגט קורץ ווענס · דיזע אלע בעווייזע האבין אויף גיוועקט אין אים איין מיסטרויען (אחשד) צוא זיך אליין · דאס הייסט צוא וואר ניט דיזע גאנצע געשיכטע נור איין וואכענדער טרוים · אונ אזו האט ער זיך נאך ביזפליבע (צייטיגע) איבער לייגונג (ישוב הדעת) איבער צייגט · דאס עס איז ניט אנדערש וויא אזו דען ער האט גיהאט דער

צוא נאך בעסערע בעווייזע אלס דיזע · אונ דיא אורזאכע דער-פון
זאל זיין פאר גערוים דיא אונפעסליכקייט · וואס ער האט גיהאט
נעכטין פאר נאכט · אין דער צווייטע נאכט האט ער גיהאט נאך
איינע שרעקליכע וויזיאן (ערשיינונג) זעלבסט אין וואכענדען צוא
שטאנד · ער האט גילאזט רופין איינען גרויסין ארצט אונ דיזער
האט עס אן גינומען פאר איינע בלוט שפערע · דאס הייסט דאס
בלוט שפארט אין קאפ · אונ האט אים אלזו באלד אדער גילאזין ·
אונ האט אים גימאכט גיזונד · נון גייט דארטן אוועק אין יענעם בוך
כמה וכמה בלעטער באשריבין איבער דעם ענין פון וואכענדע טרייטע
דאס הייסט פון אזו אגיוויסער קראנקהייט וואס מען טרוימט אים
וואכענדעם צו שטאנד · ער שרייבט דארטין דאש מיט דיזער
קראנקהייט וואריען בעהאפטעט (בעפאלין) אויך זייער גרויסע
מענשין אונ זיינען גיווארין דער פון גרויסע בעלי דמיונות · דאש
עש פלעגט זיך זייא דוכטין דאש עס קומט צו אים אמלאך אונ זאגט
אים אויש גרויסע סודות · מיט דיזער קראנקהייט וואר בעפאלין אויך
דער מחמד · אונ האט דער צײלט פון זיינע גישפרעכין מיט מיכאל ·
מיט גבריאל אונ דאש גלייכין · אונ אמאל גייט דער דמיון אזו ווייט
דאש מען הערט וויא ער באשפרעכט זיך מיט דיא בילדער וואש
ערשיינען אים · אונ לייהעט זייא זיינע אייגענע שטימע נאר · דאש
ער ווייש זייא אן צו פאסין פאר יעדע ערשיינענדע פיגור · ער
מאכט איר קינדעש פאר אקינד אונ ווייביש פאר אפרויא מענליך
פאר איינעם דער וואקשענעם אונ באקוואטע פאר איינעם אלטין
מאן אונ מאכט נאך די שטימע פון יעדען ליינגסט פאר שטארבענעם
בעקאנטין · דאש דיא צו הערער מיינען דאש ער באשפרעכט זיך
ווירקליך מיט איינעם טויטין אדער עס איז איין גלגול אין אים ·
דיזע קראנקהייט איז זייער גיפערליך · דען זיא ארטעט אויס מיט
דער צייט אין וואהנזין (משוגעת) · אלזו בוז מען עש באצייטין
פאר האפין · אונ שרייבט דארטין ווייטער פון דיא מיטעלען וואש
מען ברויכט אן צו ווענדין דער צו ·



קוים האב איך דיזען ארטיקיל דורך גילעזין האב איך שוין אן
גיהויבין צו פאר שטיין וואס דאס מעהר איז מיט דעם יאנקלען דעם
זעליגם ברודער · איך בין גילאפין צו דעם זעליגין אונ איך האב אים
דער ווייזט נאך גיבעטער אונ האב אים ערקלערט דאס זיין ברודר
איז נור קראנק · ער זאל אים אזו ברייגען אהער אין שפיטאל וועט
ער ווערין גיזונד · דען דאס היילט זיך לייבט איב מען לאזט עס
ניט אין לאנגין באנק · דיזע רייד מיינע איז אים אריין אין נאז ·
„דוא האסט רעכט" האט ער מיר גיענטפערט · עס קען אנדערש
ניט זיין · דען זאנסט וואהום זעט ער נור דיא שדים אונ
קיין אנדערע ·

קורץ אום ער האט אים גיבראכט אין דיזאודער שפיטאל ·
אונ אין אצייט פון אייניגע וואכין איז ער גיווארין גיזונד · אונ דער
נאך האב איך מיט אים זעלבסט גישפראכין · אונ ער אליין האט
מיר מודה גיוועזען דאס עס פלעגט זיך אים נור דוכטין · אין דער
ווירקליכקייט אבער וואר עס גאר ניכטס · דיא ביידע ברידער ווארין
מיר העכסט דאנקבאר · אונ האבין מיך פופצעהען מאל גיבעטין אום
פערצייהונג פאר יענעם אויף טריט וואס וואר ביי מיינעם זעליגין
פאטער אין שטוב אונ האבין אלזו מכיר גיוועזען אין דיזער באגעגנהייט
איינע וואהרע השגחת אלקית · דאס גראדע איז מיר אזו אביך אריין
גיפאלין אין מיין האנט צו דער רעכטער צייט וואס וואר דיא אורזאכע
פון זייגעם גיזונד ווערין ׃

[8]

## 5.

### „דער זמייע"

אלס איך וואר נאה אקינד איין יונגער מאנציג · וואר איינע
זאגע (גאדאנע) אונטער דעם המון עם דאס עס זיינען דא מכשפים
וואש פייערינע זמייען טראגין צו זייא ביי נאכט געלט · דיזע זמייען
אבער ווארין נור מעטאארען דאס הייסט לופט ערשיינונגען וואס

ערשיינען

ערשיינן אין די העלע הערבסט נעכט מיט זוכען אונ ברויזין (לאַרים) אונ דער פעביל (המון עם) וואס האט קיין באגריף (השגה) פון דיא ריכטיגע נאטור געזעצע (חקות הטבע) בפרט נאך פון יענע וואס צייגין זיך גאנץ זעלטין · מאכין זייא דער פון וואונדער אונ צויבער געשיכטען · דיזען זמייע האב איך גיהאט אמאל איינע גוטע גילעגינהייט צוא זעהען אין זיינער גאנצין גרעסע · אונ וועל עס היר בעשרייבין ריכטיג אונ קלאר · אונ וועל אזו גאר שרייבין דעם ארט וואו עס איז גישעהען :

עס איז שוין מער אלס עטליכע אונ דרייסיג יאר דאס איך בין גיפארין פון אסמעניע קיין ווילנא מיט נאך איין יונגין מאן וואס וואר פיל עלטער פאר מיר · אויף אפור וואס וואר בעלאדין מיט פענעק אונ דער אנטרייבער וואר איין ארימער אינגיל וואס האט גיברויכט קיין ווילנא · אונ מיר האבין אים גינומען אוים רחמנות נור · עס וואר דאן דרייא טאג נאך סוכות · דיא פאגאדע וואר העכסט שיין · מיר זיינען ארוים פון אסמעניע בערך ארום צוועלפין · אונ מיר זיינען אום גיפארין גאנץ לאנגזאם · ווייל דיא פור וואר שווער בעלאדין · דאס ערסט ארום צוועלפין בייא נאכט זיינען מיר גיקומען קיין סורעוואנקע · אונ דארטין האבין מיר גיגעסין וועטשערע · ארום צווייען זיינען מיר פון דארטין אפ גיפארין אונ זיינען ארין אין איין קליינעם וואלד וואס הייבט זיך אן ניט ווייט פון דיזע קרעצמע · דיא פור האבין מיר גילאזט גיין פאר אוים · אונ מיר ביידע זיינען זיך גיגאנגען צו פוס איינע היפשע שטרעקע הינטער איר אונ האבין אונז בעשפראכין פון דאס אונ דיזעס · דיא נאכט וואר זייער לויטער אונ ווארים · דער הימיל אוים גישטערינט · בלאנק ריין וויא ערסט ארויס פון דעם גרויסין מייסטערס האנד °) · אין דעם האבין מיר

דער

°) מדרש בראשית י״ב · רשב״ל אמר ב״ז מוצק כלים אנגקי · על ידי שהות היא מעלה חלודה ברם הבא הוקים כראי מוצק נראים במין הרקיא · דאש הייסט נעך איין מענטש מאכט מעטאלענע



דער הערט אגרוישין גערייש (רעש) אין דעם רעכטין זייט וואלד אונ עס האט אן גיהויבין צוא ווערין ביסלאכווייס ליכטיג אונ ליכטיגער פונקט וויא עס הייבט אן צוא טאגין · אונ אזו איז גיווארין דער רעש אויך פון מינוט צו מינוט שטארקער אונ שטארקער · דאס עס ווארין אויף גישרעקט אלע וואלד בעשעפינעם וואס ווארין אין דעם רעכטין זייט וואלד · אונ האבין אן גיהויבין אריבער צו לויפין איבערין וועג אין דעם אנדערין זייט וואלד האזין · פיקסלאך : וועלף · וועווערקעס · דער פערד האט זיך אפ גישטעלט אונ האט אן גיהויבין צו פארסקען אונ צו דרייען מיט דיא אויערין · אונ דער איינגיל האט אן גיהויבין צוא שרייען מיט קולות · בשעת מעשה האט זיך אונז גידוכט דאס עס איז גיווארין אגרויסער שטורים · אונ עס האט ווירקליך אן גיהייבין צוא טאגין · דאך דיזער דמיון איז באלד פערשוואונדין אלס מיר האבין זיך איין גיקוקט אויף אונזערע אורען אונ מיר האבין גיזעהען דאש עש איז ערסט נאך צווייען · אונ ווידער דאש מיר פאר שפירין ניט דעם מינדעסטין ווינד · אונ האבין אונז אלזו אויך שרעקליך ערשראקין · נאך מער אבער זיינען מיר גיווארין צו שראקין אלס מיר זיינען גיקומען צו דער פור וואש וואר שוין דאן ליכטיג וויא אין איינעם מיטאג פון איינעם העלען תמוז טאג · אונ מיר האבין דאן אויש גיזעהען איינער בייא דעם אנדערין וויא ווארע גישטארבענע · צו פון גרויש פחד אדער ווייל דיא בלייכטונג וואר אזעלכע · למשל וויא דיא העליקייט פון דיא אן גיצונדענע שפירוטעס · קורץ אום עש האט זיך אונז גידוכט דאש עש האבין זיך שוין אום גיענדערט דיא סדרי בראשית · אונ דיא גאנצע נאטור האלט בייא דעם אונטער גאנג : אונ מיר האבין אן גיהויבין צו שלעפין דעם פערד פאר דעם צוים אום ארויש צו פארין

פון

געשיר ראסטען זייא מיט דער צוים · דיא הימיל אבער בלייבין אימער בייא איהרעם גלאנץ וויא געשניטען פון איינעם טירקיס (אגו אמין אבן טוב) ·

פון וואלד · דען מיר האבין גימיינט דאש דיא בוימער ביגין זיך שוין אונ וועלין אונז ממית זיין ׃ אונ דיזעס וואר אויך נור איינע טיישונג (בעטרוג) פון דיא ציטטערענדע ליכטיגקייט וואש האט גישווינדעלט וויא איינע ציטערענדע פלאמע פון איינעם לאמפע ג׳ קוים זייגען מיר ארויס פון וואלד אויף דעם פרייען פעלד האט זיך אויף גיהויבין פון אונטער דעם רעכטין זייט הארראזאנט (ערד קרייז· אופק ׃ חוג הארץ) · איינע שטיק ווייסעס פייער וואש וואר גרויש וויא דער גרעסטער בארג מיט אלאנגין עק וואש וואר (צו זאמען גיבונדין פון ליכטיגע שטראהלען וויא איין בעזעם אונ האט גישיינט נאך העלער פאר דער זון · אונ איז גיפלויגין איבער דיא וועלבונג פון הימעל מיט איינעם געוואלטיגען רוישען ביז זיא איז אום אריבער אין גאנצין אונ האט זיך ארונטער גילאזין אונטער דען ליגקען זייט פון הארראזאנט · דיזע שטערנע האט גידויערט אין אלעם בערך איינע פירטעל שטונדע · אונ דאן איז גיווארין ווידער שטיל אונ פינסטער · אונ מיר זייגען גיבליבין שטיין וויא ערשטארט (שטארצאם) דאש מיר האבין זיך ניט גיקענט רירין פון אונזער ארט ביז עס זייגען אן גיפארין בוערין (בעלי עגלות) וואש האבין אויך דיזען וואונדער אן גיזעהען אונ ווארין ניט ווייניגער צו שראקין אלם מיר ווארין · אונ דיא עלטערע פון זייא האבין אונז ערקלערט דאס דאש איז אזמייע וואש האט גיטראגין געלט צו איין גיוויסען מכשף וואש וואוינט דרייא מייל פון דארטין · איין געוויסער פאלוק וואש האט סאלאנקעס מיט גאלד אונ מיט ברילאנטין · באמת אבער איז עס נור איין מעטאאר (איינע לופט ערשיינונג) וואש היינט ווייס שוין דער פון אקינד פון דער ערסטער קלאסע · דיא אלטע וועלט אבער האט דער פון צו דער ציילין וואונדער געשיכטען וויא עס איז נאך עד היום צו לעזין אין אלטע ספרים אונ אין אלטע ביכער · אונ מאנכע בעלי שמות האבין גיהאט שוין השבעות (באשווערונגען) מיט וועלכע מען זאל זיך שיצען אנטקעגין אזעלכע זמייען וואש ווילין איטער פאר פירין דעם מענטשין אין דיא שערי





טומאה · אונ קויפין אפ ביי זייא דיא נשמה פאר זייער געלט וואש זייא ברייגען אים ביי נאכט · זייא זייגען נור שלוחים פון דעם אשמדאי ·

## 9.

### »איינע האבציים ביי דיא שדים«

פאר איאר דרייסיג צוא ריק איז זיך ארויש גיפארין איין גיוויסער יונגער מאן פון אקליין שטעטיל · אום צו פארין איבער דיא מדינה · דען ער איז זיך גיווארין איין בעל דרשער ׃ ער וואר ווירקליך אוואויל לערנער אונ העכסט פרום · אונ האט מיט זיך גיהאט אשיינעם פעקיל דרשות · אונ האט זייא זייער גוט אויש גיבראכט צווישין לייטין · אונ האט זיך אזו פאר זאמט אונטער וועגינס כמה יאר · דען ער איז פאר קראכין אז קיין אונגארין אונ פלעגט זיך אונטער שיקין געלט אהיים אלע האלבעס יאר · דער ווייילע האט זיך דיא וועלט פאר גרעסערט אונ אויך דיא שטעטיל לופק פון וואנען ער איז דאס מאנכע איינוואוינער וואס וואר זייא צו איינג שוין אין שטאט האבין זיך אום גיבויט אונטערין שטאט אונ דער בעל דרשער וואש האט פון דיזעם ראשען גאנג (געשווינטע) דער וועלט ניט גיוואוסט · דען ער האט גילעבט אונ לעבט נאך פילייכט יעצט אויך נור אין דעם עבר (פערגאנגענהייט) · דאש הייסט וואש עש האט זיך גיטאן פאר צייטין אין ארץ ישראל אדער אזו גאר אין יענעם עולם · האט זיך אים גאר ניט בילייגט אויף זיינעם שכל דאש לופק זאל זיך יאין דיזעם משך אזו ווייט פאר מערין דאש מען זאל זיך בויען אונטערין שטאט · אונ דאהער אלס ער האט זיך אום גיקערט אהיים אונ איז גיקומען ארום עלפין ביי נאכט לעבין שטאט אינ האט דער זעהען איינע נייע שטוב וואש שטייט אויף אוויסטען ארט לעבין אפוסטין מיל · אונ דער צו נאך זייער גוט באלויכטין אונ קלעזמער שפילין דארין דען עש וואר דאן

גראדע אהתונה · האט ער עס אן גינומען פאר אגייסטער שפיל אונ איז גיווארין העכסט צו שראקין אונ האט זיך אפ גירופין צו דעם איינגעל וואס האט אן גיטריבין דעם פערד וואס וואר זיין איינגער אונ וואר אויך אזו פרעמד אין דיזעם געגען וויא ער יהער צו מיין קינד עס איז דא איין גאס מיט אונז איך ווייס דאס דא וואר קיין מאל קיינע מענטשליכע וואוגונג אונ דאס בימאנד דהאט זיך גיוואגט צו זיין דא ביי נאכט נון איז דא גאר אפאלאץ עפעס אונ דער צו נאך ווערט גישפילט עס זיינען דא גיוויס דיא ניט גוטע דאהער וויא גאט איז דיר ליב קערט דיך אום צוריק מיט דער פור״

צום אונגליק אבער האט זיך דער פערד דער שראקין פאר דיא שפילערייא אונ האט זיך פון איינאנדער גיטראגין אונ איז גילאפין גראדע צו דיזער בעצויבערטע הויז · דא וואר דער בעל דרשער גאר אן נשמה „גיוויס איז עס נור זייער מלאכה״ האט ער זיך אפ גירופין אונ האט אן גיהויבין צו שרייען „שמע ישראל״ אויף דיזעם לארעם זיינען איינגע מענטשין ארויס גילאפין פון דיזעם הויזע אום צו זעהען ווער איז עס ; אונ אלס זייא האבין דער זעהען דאס ער איז אאיד אונ דער צו נאך איין דוהאוונער האבין זייא אים אריין גיבעטין אין שטוב אונ אלס ער האט ניט גיוואלט האבין זייא אים אן גיהויבין צו שלעפין מיט גיוואלד דען זייא ווארין גוט פאר כוסט נון זיינען אויף דעם לארים נאך מענטשין ארויס וועלכע עס האבין אים שוין דער קאנט אונ האבין אים שוין אן גיהויבין צו רופין מיט זיינעם נאמען אונ דיזעם האט אים נאך גראדע מער איין גישראקין ווייל עם ווערט דער ציילט דאס אזו איז דר שטייגער פון דיא כת לצנים צו מאכין זיך פאר בעקאנטע אונ רופין מיט דעם נאמען אונ דיא סגולה איז דער צו נור דאס מען זאל זיך ניט אפ רופין אונ אזו האט ער אויך גיטאן · נאך מער איז ער צו שראקין גיווארין אלס זייא האבין אים מיט גיוואלד אריין גישלעפט אין שטוב אונ האבין אים אנידער גיזעצט ביי דעם טיש אונ האבין אים געגייטיגט עסין · ער האט אבער גאר ניסט גינומען אין מיל ווייל



עס איז באוואוסט ביי דיא שדים גלויבער דאס ווער עס עסט ביי זייא איז פאר לארין פון ביידע וועלטין אונ נאך גיוויכער וואר אים דאס דאס זיינען שדים אלס ער האט דער זעהען איינגע טייצלעך אונטער דיא חתונה לייט וואס האבין גיטאנצט מיט מיידלאך אונ דיזע ווארין נור אידעשע שטודענטין וואס זיינען גראדע אן גיפארין אונ טייצלאך זייגען דאך שוין גיוויס שדים דען פון שטודענטין האט דיזער בעל דרשער גאר ניט גיוואוסט דאס אונטער אידין זאל עס זיין · וויא מיר האבין שוין פריער אים באשריבין דאס דיזער מענטש האט פאר לעבט זיינע יארין אלץ אין דער פערנאכלעסיגהייט (אין דעם עבר) אונ וואס אין דער וועלט טוט זיך אין דיזער צייט האט ער גאר ניט גיוואוסט · קורץ דער פון ער איז דארטין גיזעסין אין צרות דען מען האט אים גישלעפט דאס ער זאל מיט טאנצין אונ האט אלץ גיקוקט אויף דעם זייגער עס זאל שוין הערין צוועלף ווען טאן דער האן אקרייא וועלין זייא פר שוואונדין ווערין אונ דאן ווערט ער זיך אריין האפין אין שטעטיל· צום אונגליק האט זיך דיין זייגער אנידער גישטעלט אויף האלב צוועלף · נון איז אים שיר דיא נשמה ארויס ווארטענדיק אונ אלס עס איז אים גיווארין זייער איבעל האבין זייא אים אמפראוועט אהיים · דער פורמאנדעל האט אים קוים אלעבענדיגען גיבראכט אהיים אונ האבין ביידע דער ציילט פון זייער זיין אין דיא הענד פון די ניט גוטע · דא אונטערין שטעטיל וואו זייא האבין קלייטערסט אחתונה גימאכט „שמייץ וואס רעטעסט דוא !״ האט זיך דיא פרויא אפ גירופין „יאסעל צערגעם וואונט דאך דארטין · ערסט איאר דאס ער האט זיך דארטין אוים גיבויט אונ איצט מאכט ער חתונה אטאכטער דארטין · שוויינג האצבע דער צייל קיינעם דען מען וועט לאכין פון דיר אין הויפינס״

אונ אויך מארגין וואר זייא דיא ערסטע וואס האט עס דער ציילט ווייל פרויען פאר ביטען איינעם אנדערין צו דער ציילין נור דאמיט זייא אליין זאלין האבין וואס צו דער ציילין אונ עס

האט

האט מיט דיזער גישיכטע דיא גאנצע געגענד פאר קלונגען: אונ אזו זייגען אלע גייסטער גישיכטען געגרינדעט נור אויף דמיונות: אויף שקרים אונ אויף בעטרוג אונ דאס גלייבין אונ ווייטער ניכטס: קיין חכם קיין גיבילדעטער קיינער מיט אגיזונטען מענטשין פאר שטאנד האבין נאך קיינע גייסטער גיזעהען אונ אויך קיינע וואונדער פון זייא דער ציילט נור בעלי דמיונות וואס האבין שוואכע נערווען שווערמער צו פיל פאר טיפט (אין דער רעליגיאן) שפורים אונ דאס גלייבין. אונ נאך מער דיא העכסט אונוויסענדע וואס פאר שטייען ניט דיא חקי הטבע זיינען נאך מער בעטריגער: פאלקס פאר פיהרער נעקטען מאכער. נור דיזע לייט דער ציילין דער פון. אונ ווער גראדע דיינקט לאכט זיך אויס דער פון. נון קען מיר מאנכער איינווענדין אונ זאגין «לא ראינו אינו ראיה» דאס הייסט ווען איך אונ נאך מיינעם גלייכין האבין קיינע גייסטער גיזעהען איז נאך דער פון קיין בעוייז דאס זייא ווירקליך ניט דא. איר האט גאט אויך ניט גיזעהען. איר האט קיין מלאך אויך ניט גיזעהען אונ דאך איז ער דא. אונ ווידער עס קומט דאך פאר אין דער גמרא כמה וכמה ספורים פון שדים. פון כשופים אונ דאס גלייבין. אונ דיזע חכמים האבין בייא אונז מער ווערט אונ גלויבין אלס היינעם גלייבין !»

דיזע פראגע מיינע טייערע לעזער אונ לעזערינען לאזט זיך זייער לייכט בעאנטווארטען. מיר גלויבין אין גאט אדער בעסער צו זאגין מיר זיינען איבער צייגט דאס עס איז דא א בורא ווייל מיר זעהען זיין בריאה אונ דיא השגחה אין דער וועלט: מיר גלייבין אין מלאכים ווייל דיא תורה שרייבט פון זייא. ניט אזו אבער איז דער פאל מיט דעם דאזיין (מציאות) פון שדים. מיר האבין נאך ניט אין דער וועלט צו זעהען פון זייא עפעס א פעולה קיימת וואס מען זאל פאר שטיין דאס עס ניט אנדערש ווייא מעשה שדים. אונ צווייטענס ווערין זייא ניט דער מאנט אין דער תורה דאס זייא זיינען דא באמת. זייא ווערין דער מאנט מער ניט דאס

איד



דיא פעלקער האבין אין זייא גיגלויבט אונ זייא אליין מאכט פון זייא איין הבל. אונ ווייטער וואס זייא ווערין גיבראכט אין דער גמרא איז עס קיין קשיא. ערסטענס פאר שטייען מיר ניט דיא ספורים פון דער גמרא זעלבסט אין ענינים טבעים. זיא דער ציילט דאס איינע אייע האט פאר טרונקען זעכציג שטעט. צווייטענס דער רמב"ם האט דיא ספורים פון דער גמרא גיוויס גיזעהען אונ גלויבט דאך ניט אין דעם דאזיין (מציאות השדים). ער זאגט העטען זייא וואס ווירקליכעס גיווען וואלט אונז דיא תורה ניט פאר ווערט כשוף וויא זיא האט ניט פאר ווערט דאקטעררייא. זיא האט עס אבער פאר ווערט נור ווייל עס איז נור טרוג אונ ליג. אונ אזו זאגט אויך דער רמב"ם אונ דער רד"ק אונ אויך דער אבן עזרא דאס דיא גישיכטע פון דיא בעלת אוב בייא שאול וואר נור אויך איין הילער בעטרוג. אין איינער אנדער געשיכטע וועל איך דער ציילין וויא דאס פלעגט צו גיין בייא דיא בעלת אוב. דער ווייל לעבט וואול אונ ערלאבט אייך אין דיא ווינטער נעכט זייער רעכט מיט דיזע וואהרע געשיכטען וויא מיט דיא בעסטע גשריבטען.